STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02208

NAKETE LIDER

Melech Ravitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Austria

געדרוקט אין דער דרוקעריי
האלפערן און קאַמפּ.
ווין VII קאַנדלגאַסע 11

נאַקעטע לידער

מלך ראַוויטש

דער קוואַל־פֿאַרלאַג / ווין
קאָאָפּעראַטיווע
אָפּטײלונג „קריטיק“
1921

די
באַקעטע לידער:

★

I
געזאַנג פֿון געזאַנגען

II
די נויט

III
שטאַרבען

IV
פֿרויען־נשמה

V
ליבע פֿון יחידים

VI
נאַקעטע דיכטער־נשמה

VII
דעם לעסטערער׳ס לידער

VIII
אין שטורם

IX
זועגעטאַריש עוואַנגעליום

★

הקדמה

הקדמה

★

איך בין נישט מעהר ווי דו, איך בין נישט ווינציגער ווי דו; נישט מעהר, נישט ווייניגער קלוג ווי דו! איך באַלאַנג, ווי דו, צו דער אומענדליכער אויסשפּרייטונג, צום אומענדליכען געדאַנק און צום אומענדליכען טויט.

נאַ, זעה די טרוקענע באַוואוסטקייט, וואָס פיהרט די ממשלה אין די ד' אמות פון מיין ביסעל אייגענס אין דער וועלט, און ווייס, אַז דעם ווערט פון מיין ליד קען איך סיי ווי. וועסט מיך נישט איבערראַשען; זיין אומווערט קען איך אויך, און זיין סוף נאָך בעסער ווי דו. די ערד גלייכט דאָך ממילא אויס דעם חילוק פון גוף צו גוף, און אין דער צייט גלייכט זיך אויס אונזער אַלעמענס גייסט.

★

וואָס איך האָב אין דער יוגענט דיכטעריש געשטאַמעלט, האָב איך „אויף דער שוועל" פון מיין דיכטערוועג געזאַמעלט. דאָס איז מיר היינט אין אַלע אופנים פרעמד. „אין דעם מאָרגענשטערענס ליכט" (דאַפון געדרוקט אין אַ צוזאַמענהאַנג נור 17 געדיכטען) האָב

איך דערגרייכט אַ געוויסע פֿאָרם־זיכערקייט. דאַן איז
געקומען דער קריג, די צייט פֿון אַבסאָלוטער הילפֿלאָ־
זיגקייט פֿון אונז, דורכשניט־אינטעליגענץ פֿון אייראָפּאַ.
אונזערע "גרויסע", די נביאים, זענען אַנטשוויגען גע־
וואָרען, אָדער אַנטלאָפֿען אַהין, וואו די שווייצאַרישע
מילך פֿלייצט — און אַליין, אָהן פֿיהרער, זענען מיר
צוגעפֿאַלען צום קלאָרען קריסטענטום אין אונזער אום־
קלאָרקייט. ביי מיר געפֿינסטו אַ בילד דאַפֿון אין מיין,
נאָך געפּיהלפֿולען, "רואינענגראַז", וואָס איז געוואַקסען
דאָרט, וואו מיין איצטיגע וועלט שטעהט.

מיט אַ קלאָרען, באַוואוסטען, ראַדיקאַלען און זיכערען
וואָרף האָב איך מיך שפּעטער, איינמאָל פֿאַר
אַלע מאָל איבערגעציינט, צוגעשפּאַרט צו שפּי־
נאָזאַ'ס מענשליך געענדיגטער קלאָרער וועלט. דער
אמתדיגער מקור פֿון מיין טוהן איז אין געדאַנק און אין
גאָרנישט מעהר. עס איז מיין פּאַקטישער, דערקענטער,
נישט פֿאַנאַטישער וועג אין אָפּטימיזמוס צום גליק,
וואָס אַלע אומ'ברחמנות'דיגע, נישט־צוקראָכענע לאָגי־
קער מוזען איהם געהן.

די "פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטען און באַלאַדען" (ביז
איצט נאָך נישט פֿאַרעפֿענטליכט) זענען אַ מעהר
קינסטלערישער אויפּטהו פֿון מיין, מסתמא שוין
גאַנץ דערגרייכטער, פֿאָרמבאַהערשונג, מיין פֿאָרם־זי־
כערקייט. דער ווילדסטער אַקאָרד פֿון די נאַקעטע לידער.
אין אָט די נאַקעטע לידער בין איך גאַנץ;
נישט מיין טאַט, נור מיין מהות, נישט מיין ווערק, נור

מיין קערן, מיין פֿיבער און מיין רוה, מיין אָפּטימיזמוס
און מיין פּעסימיזמוס, מיין באַציהונג צו דער וועלט
און צו יחידים, מיין צונגריזשעטע שטאָט־נשמה, און
די ליאַננע דאָרפֿישע לייוועגד פֿון מיין געזונטער
בענקשאַפֿט, וואָס וויקעלט זי איין, מיין געוויסען און
דאָס, וואָס אַנדערע רופֿען ביי מיר: האַרץ, מיין סאַדיז־
מוס, מיין נזירות, מיין גלויבען אָן דער רעוואָלוציאָן
(אפילו אויך געגען שפּינאָזאַ), און מיין עלעמענטאַרער,
פֿון טיפֿען ווייה אַרויסגעשריגענער, ביטול פֿון יעדען
מין רעליגיאָזיטעט.

מיין באַגעהר איז גליק; מיין גליק און דיין גליק, הייסט
שעפֿט עס אונזער פֿעהלערהאַפֿטער שכל מיט זיפֿען,
דאָס וואָס ער דאַרף שעפֿען מיט זיבערע הענד און מיט
מעטאַלענע בעכערס, ביז צום דנאָ, ביז צום סאַמע
דנאָ.

אָט אין די לידער בין איך נאַקעט, נאַקעטער, סקאַלפּירט.
אונטער שפּינאָזאַ בין איך פֿאַרטיג געוואָרען מיט גאָט;
און אונטער מאַרקס — מיט דעם בייזען הערשער:
מענש. — די פֿאַרוויקעלטע קניפֿען פֿון פֿיזישען און
גייסטיגען גליק בין איך שוין דערגאַנגען, ביידע, און
בין שוין —
— איינ'יינעם:

דער רויער עלעמענט פֿון דעם קומענדיגען מענש, דער
תהו־ובוהו פֿון דער קומענדיגער וועלט, וואָס וועט איבער־
שטרוימען פֿון גליק, פֿון פּאָטענץ, פֿון קלונשאַפֿט,
און פֿון באַוואוסטער פֿאַראייניגונג מיט דער נאַטור".

★

און ווידער מייגע ד׳ אמות.

מיין ליד איז געענדיגט. די ״נאַקעטע לידער״ מיין לעצטעס לידערבוך.

געוואויגען און געוואָרגען מוז ווערען!

צו די יונגפולסירענדיגע לידער־שרייבער וועל איך דאָך נישט מעהר געהערען. און באַוואוסט זיך אַנידערצולעגען אין וואַרימליכען פוך אַריין פון אייגע־נער פּאָעטישער גסיסה, וויל איך נישט! מיין געוועזענע לירישע ליניע וועל איך נאָך דערגענצען, צושרייבען, צודיכטען, ענדערן, — זאָל זי ווערען גאַנץ, קלאָר. וואָס געהען מיך אָן די אימפּאָטענטע, ליבעלאָזע איינטאָג׳ס־לצים!

מיט מיין ווילען בין איך געוואָרען, און מיט מיין ווילען הער איך אויף.

צו אונזער ליטעראַטור, צו וועלכער מיין מזל און מיין מאַמע־לשון האָט מיך צוגעבונען, וויל איך אַוועקגע־בען מעהר ווי מיין לייב און מעהר ווי מיין גייסט, און זי דאַרף מענשען און ווערק — נישט לידער און פּאָעטען.

אַנדערע פאָרמען שטורמען אין מיר און טראָגען מיך.
אומענדליכער געדאַנק, שטעה מיר ביי!

1921

אין דעם

שטיין פון זכרונות,

וואָס דער רעגען און דער ווינד פון דער צייט

עגבערט אין איהם און צערשיט איהם אויף זאמד־

וויל איך איינקריצען:

★

דאָס געזאַנג צו דער מאַמע ערד

פאַר מיין טויטען, מיין איינזאַמען ברודער.

די „ליבע פון יחידים"

פאַר מיין מאַמען, פאַר מיין ווייב און פאַר מיין טאָכטער.

די דריי לידער פון דער גרויסער שטאָט

פאַר מיין ערשטען פריינד א. מ. פוקס.

דעם ציקל „שטאַרבען"

אין דאַנקבאַרער דערמאָנונג פון 6 יוני 1919 פאַר אברהם זיינפעלד.

„דאָס ליבעס־ליד"

פאַר ש. י. אימבער, דעם ליבע־פולען פיהרער דורך די יאָהרען

פון מיין ערשטער דיכטער־יוגענט.

„איינזאַמקייט"

פאַר מיין דוד קעניגסבערג.

„די תפלה פון א רעוואָלוציאָנער"

פאַר מאַני לייב, פאַר דעם געליבטען מאַני לייב.

און לייב קוויטקאָ זאָל אָננעמען

„דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבען"

פאַר א ווייטעו גרוס.

גע־זאַנג פֿון
געזאַנגען

געזאַנג פון דער דערפולונג

★

און צו דערפולונג שטרעבט די קרעאַטור,
און צאַפּעלט פיבערנדיג מיט אַלע אָדערן פון איהר לייב;
און די דערפולונג איז ליבע און לעבען,
און ס'איז די דערפולונג דער טויט.

אויף זיינע צוויי הינטערשטע פיס
שטעלט זיך דער בוהיי אויף,
אזוי ווי אויף צוויי מאַכטיגע זיילען,
און זיין געוואַלטיגער לייב איז ווי — אַ —
אויפגעקניפּטער פייערבונד פון הונדערטטויזענד צונגען,
און זיינע לונגען
אָטעמען שווער, און צערייסען די לופט מיט אַ הויכען געבריל;
און זיין ווייב וואַרט אויף אַלע פיר צוגעשפאַרט צו דער ערד,
און וויל.

אין אַלע צעהנטויזענד צווייגען קניפּט אויף זיך דער בוים,
סאַמע אין האַרבסט,
לאָזט דורך זיינע אָדערן שטורמען דעם ווינד,
און לאַשטשעט זיך אָן זיינע באָקעס,
און זינגט אַן אויסגעלאַסען ליד פון דער לוסט,
אין דער נאַכט.
און דער זאָמען שפּרינגט פון יעדען בלאַט באַזונדער,
און לאָזט זיך פליהען איבער דער נאַכט,
זוכענדיג, זוכענדיג דעם שוים פון דער ערד.

און דער גייסטיגער מענש,
קניפּט אויף די געדאַנקען אין זיינע נעכט,

געזאַנג פֿון דער דערפֿולונג

לײדענשאַפֿטליך ציטערנדיג צום צוהערער זײן פֿרײנד,
װי דער זעכצעניעהריגער צו דער צװאָנציגיעהריגערס
נאַקעטיגע גלידער.
און די געדאַנקען
הױבען זיך אױף אױף די צװײ זײלען פֿון זײן װילען,
און זענען װי אַ אױפֿגעקניפּטער פֿײערבונד פֿון הונדערטטױזענד
[צילען
צו אײן מקיום־װערען.

מאַמע ערד

★

מאַמע ערד,
באַלאָדען מיט דעם אָנבליק פון זעלבסטמערדער
וואָס ליגען מיט אויפגעריסענע בייכער
אין אַ טויטענקאַמער פון אַ שטעטישען שפּיטאָל,
מיט אויפגעמאַכטע גלעזערנע אויגען,
קום איך צו דיר.

ווער דען זאָל טרייסטען אין דער שעה פון דער נויט,
מאַמע ערד?
מיין קול איז הייזעריג, מיינע אויגען רויטע
פון געשריי. גיב מיר אַ קבר פאַר מיינע טויטע
פון היינט און פון אַלע מיינע יאָהרען,
פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר פריינד, פאַר ברידער און פאַר קינדער.

קינדער בושעווען אין גרינס פון דיין פרילינג,
פאַרליבטע שלאָפען אין דיין בעט אין זומערדיגע נעכט,
און דאָס וויב טרעט שווער אויף דיר
בשעת זי טראָגט די קרעאַטור וואָס דו וועסט צודעקען אַמאָל.

איז טרוקען דאָס יאָהר,
מאָגער די פרוכט פון דיין קאָרן,
און דער קייזער שלעכט,
הויבען זיך אָן די רעוואָלוציאָנען אין דעם הונגעריגען פאָלק
וואָס וואַלגערט זיך אויף דיר.
און אין דיר ענדיגען די רעוואָלוציאָנען,
און דאָס פייערדיגע בלוט פון געשאָכטענע, געשאָסענע, געהאָנגענע,

מאַמע ערד

פאַרפוילט אין דיין אומענדליך שוואַרצען לייב,
און ווערט צו מיסט, צו גראָז און צו שוואַרצע ווערעם.

איבער ווייטע סטעפּעס ציהען זיך די טייכען
אויף דיין געדולדיג לייב, מאַמע ערד.
און דער העכט פרעסט אויף דאָס יונגוואַרג פון די ווייסע פיש,
און שפּרינגט פון פרייד אַמאָל אַפיר פון וואַסערשפּיגעל,
און גלאַטיג ווערט דאָס וואַסער,
— ווייטער.

דורך די הייסע פעלדער ציהט דער זומער־ווינד,
די טשערעדע ליגט און מאַלאַגייערט.
רופט דער פאַסטוך די פאַסטושקע צו זיך
און באַצווינגט זי;
און דער אָסיענווינד באַצווינגט דעם זאָמען פון די ביימער,
און באַגראָבט איהם אין דיר, מאַמע ערד,
און פאַרגעסט —
אָבער אין פריהלינג קומט אויף די בליהונג.

די בעטלער פון דער גרויסער שטאָט
ווערען שכּר מיט דעם אָפּשוים פון דעם שענקפאַס,
און געהען צו צום ברעג פון טייך,
און פאַלען אויף דעם פּנים גלייך,
און אָטעמען אין שלאָף דיין שוואַרצען ריח, ערד!
און די משוגעים טאַנצען אויף דיר
איידער דער וואָרעם פון געהירען־פוילונג וואַרפט זיי פון די פיס,
מאַמע ערד.

און אַנדערע משוגעים שטאַרען מיט אַראָפּגעלאָזטע, ווילדע אויגען.

מאַמע ערד

אין צווייען איינגעבויגען,
אָט, אָט צוצופֿאַלען צו דיר, מאמע ערד.

און אז דער בעטלער וואס בעטעלט פֿון שוועל צו שוועל
וויל פֿאַרצעהרען זיין בעטעל־ברויט,
פֿאַלט ער קניהענדיג אויף דיר, און שלעפֿט אפֿיר דאס שווארצע [מעסער,
און שניידט, און קייט.
און צו וועמען דען זאל ער זיך צושפּארען אַז מען טרייבט איהם פֿון [שוועל צו שוועל,
און ער איז בייז און וואלט צופֿליקט די ליידיגע בעטעל־טארבע,
מאמע ערד?

די רייסענדיגע פֿערד פֿון שלאכטען קאָפּען אויף
דיין וואונד־באַדעקט לייב.
און אין א דינעם שנירעל ציהט זיך דאס שווארצע, פֿערדישע בלוט
פֿון געוואַלטיגע פֿערד־פּגרים און ווערט איינגעזאַפּט.

מענער זענען גרוים און ווילד און רויה און בייז,
און געהען נאָך נאָך אקעראייזענס און נאך בראָנעס,
און האַפּען,
און דער שווארצער פֿויגעל טרעט נישט אפּ פֿון זייער בייזען שריט,
און פֿרעסט דעם אויפֿגעאקערטען ווארעם.

מאמעס באגראבען די קינדער אין דיר,
און קושען די קברים און ווערען רוהיג,
אין האפֿענונג אויף ווידער־פֿאראייניגונג מיט דער פֿרוכט
פֿון זייער לייב — אין דיר,
מאמע ערד.

מאַמע ערד

אין דער צייט פֿון מיין חולאת בין איך צו דיר געקומען,
און געגעסען דיין ברויט, און געטרונקען די מילך פֿון דיין גראז,
און געווארען זאט און פֿעט און געזונד.
און איצט איז מיין נשמה קראנק און אויפֿגעריסען און בלוטיגט
זוך איך מיין טרייסט ביי דיר —

אז די נשמה בלוטיגט איז די זון קאלט,
און די שטערען פֿארשטעה איך נישט,
מיין פֿאָלק קוקט ווילד און פֿרעמד ווען איך רעד און געהט פֿאַנאנדער,
קיין גאט האב איך נישט,
און קיין פֿריינד אויך נישט;
ווייל אלע מיינע פריינד גלייבען אן גאט, און ווי קאן איך גלייבען
[אין זיי,
אז זיי אליין זענען שוואך און גלייבען?
אבער פֿון דיר ווייס איך אז דו ביזט מיין מאמע
ערד.

נעם אן מיט ליבע מיינע טויטע פֿון היינט און פֿון אלע מיינע
[יאהרען!
די קלארקייט פֿון מיין גייסט וועל איך דיר איינמאל געבען גאנץ,
ווען איך וועל דערשפירען אין געהירען
דעם ערשטען, לייכטען טאנץ
פֿון שגעון —
דאס וואסער פֿון מיין בלוט צו דיינע וואסערן,
דער שטויב פֿון מיין לייב צו דיין לייב;
און מעהר בין איך נישט,
און קאן דיר מעהר נישט געבען
אין דער רגע פֿון טויט.

ד י נ ו י ט

★

נעם, ברודער אומגליק, אָן מיין רעכטע האנד,
מיין לינקע וועט ארומנעמען דיך לייכט
שוועסטער נויט,
און בענש מיך צו די וייטע וועגן פֿאָטער טויט,
פֿאָטער טויט.

פֿיהר ברודער אומגליק, פֿאָלגזאם מיינע הענד,
פֿיהר שוועסטער נויט, געליבטע שוועסטער דו;
און מיינע וועגן פֿיהרען דא און דארט,
נאך אפשר וואו,
איך זעה זיי נישט, איך וויל זיי נישט זעהן.

און מיינע וועגן פֿיהרען דא און דארט,
און פֿיהרען נישט צו גאט און נישט צו לייט,
און מיינע צילען זענען נאהנט און וייט,
און מיינע צילען קען איך נישט.

וואַלד און מענער

★

ביימער בויגען זיך צום געטליכען ווינד,
וואס וועהט דורך פֿארנאכטיגע צווייגען געלינד;
ביימער דערקענען זיך, בויגען זיך איין,
פֿארשטעהען דאס זיין;
און זינגען אויס א געזאנג, א וואַלד,
און טרינקען די זון אין איהר מארגען־געשטאלט.
וואלדפֿריהאויפֿשטעהן, וואלדשלאפֿענגעהן;
מאך צו די אויגען, אטעם טיף,
און הער דיך איין צו דער כוואליע פֿון ליכט.

מענער — שטרעקען זיך אין געטליכען ווינד,
און שלאגען מיט דארגיגע קוסטעם בלינד,
מענער פֿארקענען זיך, קעהרען זיך אפּ,
האנד קעגען האנד, און קאפּ קעגען קאפּ,
און שרייען אויף אין אויבערשטען צער,
און בליקען בלוטטריפֿענדיג, בליקען שטאר,
און בויגען זיך אן, אראפּ, אראפּ,
האנד איבער האנד, קאפּ איבער קאפּ,
ערד איבער זיי, ערד אונטער זיי.

גאָט פֿון די אָרימע

★

און נישט קיין חידוש אַז זיי בויען הייליגע הייזער,
און הויבען זייערע טורעמס נאָהנט צום הימעל,
און אויבען שטעלען זיי אַ צלם,
דעם עדות פֿון זייער אייביגען לייד.

און נישט קיין חידוש, ווייל די שרעק דערשטיקט זיי,
ווייל איינזאַם זענען זיי אין אַלע' גרעסטע שטעט,
ווייל ס'איז די לאַסט פֿון לעבען גרויס,
און שרעקיג די נשמה,
און זינדיג דאָס לייב.

און נישט קיין חידוש ווען זיי זינגען תפלות,
און זייער אויג הויבט אויף זיך ערגעצוואו ארויף,
ווייל ס'לעבט אַ גרויסער יאוש אין די קליינע גייסטער.

און ווייל אַ גרויסער יאוש לעבט אין קליינע גייסטער,
האבען לייכט ווי קינדער זיי אַן ענפֿער אויף דעם אויביגען סוד;
זיי האבען זיך א מלכותדיגע מאכט געפֿונען,
אַזוי ווי קנעכט־זיין איז געבוירען שוין אין זייער בלוט און זינען,
און קענען גלויבען, ווייל זיי קענען זי נישט זעהען,
און קענען דינען,
צום פֿארענפֿערטען סוד,
און האבען איהם גערופֿען:
גאָט.

אַקעגנעאיבער פֿון מיין פֿענסטער

★

אקעגנעאיבער פֿון מיין פֿענסטער וואוינט אַ פֿרידליך הויזגעזינד,
טיש און שטוהלען זענען וויים, לערנט הויך א פֿלייסיג קינד;
אקעגנעאיבער פֿון מיין פֿענסטער וואוינט די רוה,
און פריהלינג איז —
און ערגעץ אין א קעלערשטוב טרערט די נעץ פֿון אַלטע ציגעל,
קוקט מיט גרינע אויגען פֿון די ווענד,
שטרעקט אויס אומזיכטבארע הענד,
און עמיץ ליגט דארט, דושעט זיך אין קראנקען הוסט.

אקעגנעאיבער פֿון מיין פֿענסטער איז אַ שוואַלבענגעסט,
אויסגעקלעבט און אויסגעבעט, און האלט זיך אין אַ ווינקעל פֿעסט,
און יונגע צוויטשערן: מוטר... מוטר... טר...
און מוטער הויך אין אויר פֿליהט אום פֿריי,
און פֿריהלינג איז —
און ערגעץ אין א יאַטקע הענגען שטיקער טריפֿענדיג פֿון בלוט,
און אין דער מיט
שטעהט אַ בייזער מאן, און ציהט אַראפּ אַ פֿעל
פֿון טויטען לאַם, עס הענגט אראפּ אויף ביידע הינטערשדיגע פֿיס.

און איך, —
איך האב געגעסען זאלץ און ברויט,
און האב געשריבען אויף א ווייסען בלאט
א ליד פֿון רוה און גליק.
און מיינע בלוטען זענען רוהיג, מיין נשמה זאט,
און נור דער גייסט איז ניכטער, ווי אַ דיכטער־דענקמאל אין דער זון,
וואס שטעהט פֿארשטיינערט, ערענסט, מאהנענדיג און שטום.

אַקעגענאיבער פֿון מיין פֿענסטער

אַקעגענאיבער פֿון מיין פֿענסטער, אויף דעם בלאען האריזאנט, איז
[דא אַ פֿרידליך דארף,
און ערגעץ דארט אין דארף טראגט אוים אן אכצעניעריגע
דעם ניינטען חודש שוין אַ קינד,
אוןווארט געבראכען אויף די קומענדיגע טעג,
און גערען וואָלט זי מיט אַ זעג,
צערזעגט די בלוטענדיגע בלום פֿון נעכטליכער און
[ליידענשאַפֿטענפֿולער ליבע.

דער דרייסיגיעהריגער

★

מאן פֿון דרייסיג יאהר,
זון נאך מיטען טאג,
זעה, — לענגער ווערט דיין שאטען
און קעהרט זיך אום צו מזרח. —

מאן פֿון דרייסיג יאהר,
די וועלט איז שוין געוועזען דיין. — וואו איז זי?
וואו איז דיין ווערק אין איהר?
וואס איז דיין טאַט?
וואו איז דער חותם פֿון דיין איך
אין דעם אלטערנדיגען וייב פֿון דיין וועלט!?

קנעכטישער, הינטישער, ווייבערישער דו,
פֿאלג מיך, ס'איז נאך צייט אַ מאן צו זיין;
קויף אַ געזונטען רעדימער שטריק, בינד איהם ארום דיין האלז,
פֿארקניפּ א שלייף,
און הענג דיך אויף אינמיטען גאַס,
אויף דעם ערשטען לאמטערן.
די פֿיס און די הענד וועלען הענגען לאנג און שטייף;
פֿארקלערט, פּאָטיש-בלויליך, דענקעריש-בלאַס
וועט זיין דיין שטערן.
און פֿון דער שווארצער באָרד וועט רינען אַ שוים א געדיכטער,
און א צונג א בלויע וועט באמבלען זיך אויף איהר,
פֿאר לייטען אַ געלעכטער.

די דרייסיגיעהריגע

★

ווער וועט מיט דיר שלאָפען אין דיין איינזאם בעט,
בלאָנדע דרייסיגיעהריגע ?
דיינע אבענדען זענען קאלט ווי דיינע פריהמארגענס.

דיינע העמדער זענען וויים ווי קאלטער שניי,
באשטיקט מיט פראָסט־בלומען זענען זיי.
פראָסט געהט דורך דיין נשמה,
און אָרעם ברענט דאם אבענדלעמפעל ביי דיין בעט,
און פארלעשט צאנקענדיג
ווי דער ראמאן אין דיינע הענד.

שלאַף הענגט שוין דער ווילען צו אַ מאן אָן דיינע בריסטען,
און אָן דיין הימען העמערט פיבערנדיג דערפולונגס־ווילען,
און טהוט זיך אוים אן בושה אין די טרוימען
פון די איינזאַמע פרוכטלאָזע נעכט.

ווער וועט אין די נעכט די איינזאמקייט פוז דיין געלעגער שטילען,
ווער וועט דיך באשלאָפען,
בלאָנדע דרייסיגיעהריגע ?

איך האָב געזעהן אַ פֿרוי

★

איך האָב געזעהן אַ פֿרוי בײַנאַכט אמאל,
אונטער די שווארצע בריקען פֿון דער גרויסער שטאָט,
פֿארקויפֿען ליבע בילינע פֿאר אָרימע מענער,
וואס זייערע פֿרויען זענען טויט, און זיבען קינדער ווייַנען אין דער היים.

געקלעבט האבען די ברוסטען איהרע געל און הענגענדיג אן די אַקסעל'ס דאַרע צווייגען,
ווי די אסיענבלעטער פֿון אַ לינדענבוים,
און האבען ווי די לינדענבלעטער אין דער נאכט געציטערט,
אין געפֿיהל פֿון קילער, אסיענדיגער ערד.

און ס'זענען איהרע ציין אפֿירגעשטאנען,
דורכזיכטיג, דורך דינע ליפּענס קראנקער הויט
און דורך די שיטער־דינע האר פֿון דער נאכטליכער פֿריזור,
איז דער שארבען פֿונ'ם קאָפּ דייטליך שארף אפֿירגעשטאנען.

און אויף די ליפּען האט זי שוין פֿון לאנג געהאט
דעם זיסליך־זויער, רויטען שוימיגען געשמאק פֿון טויט,
און אכט און דרייסיג פֿיבער שטענדיג אין דער נאכט,
און דינע פֿרעסענדיגע דראָטען אין דער ברוסט.

און כ'האב געזעהן דאס פֿייער אינ'ם אויג פֿון איהרע געסט;
היינט אטעמט נאך דער שארבען, ריהרט זיך דער סקעלעט,
און ס'איז די שויס נאך אכט און דרייסיג פֿיבער־היים,
און מארגען וועט זי קאלט זיין אויפֿ'ן וואנצענפֿולען בעט.

איך האָב געזעהן אַ פֿרוי

און כ׳האב באטראכט דאס פֿייער אינ׳ם אויג פֿון איהרע געסט,
וואס זייערע פֿרויען זענען טויט און זיבען קינדער וויינען אין דער
[היים,
און כ׳האב גינקלערט פֿון דעם, פֿון גאט געפֿאָרמטען ליים,
און פֿון דעם רוח־אלוהים, וואס האלט עס אויף סקעלעטען פֿעסט.

שטאט־גייסט

☆

איבער דעם גייסט געוועלטיגט די נאכט,
רויט ברענען זיינע אויגען ביינאכט —
און אפגעהאקט רופט ער ביינאכט ווען ער וואכט:
או-או—הו, און דאס ווידערקול לאכט.

איבער דעם גייסט געוועלטיגט דער טאג,
דורך זיינע אדערנס האסטיגען שלאָג,
שלאָגט מענשענבאפרייאונג און לעבענסבאנייאונג,
און אַ ווידערקול ענטפערט — או—או—הו—
בלוטמאָרדקלאָג. —

ש ט א ט ־ נ ו י ט

★

כ׳האָב ליב די נויט, די בלאסע פּנימער און די שוואַרצע הענד,
כ׳האב ליב דאס פּאלק, וואס וואנדערט דורך די שווארצע שטעט,
וואס איז פון גאט אוועקגעריסען און קען נישט דאס געבעט,
דאס פאלק, וואס העלזעהט, אייגענמעכטיג, איינזאם, אומדערקענט.
כ׳האב ליב די נויט, די נאסע וואוינונגען און די קעלערטרעפּ,
די בענקשאפּט, וועלכע שלאגט מיט שלאפע פּליגלען אָן די שווארצע ווענד,
די אויגען, וועלכע זוכען אייביג אין די ביכערם אומענדליכע בענד,
דעם גייסט, וואס פּלאמט פון בליק ארויס, ווי ליכט פון אַ הוילען קאָפּ־טשערעפּ.

שטאָט־שרעק

★

אין אומגעצעהלטע שטיבער, טרויעריגע, טונקלע, קוים באלויכטענע,
שטילע, ווייכע, ווייסע בעטען,
ווייסע מענשען, מידע און ווי די וואָלשאָף נאָך דעם שערען,
קראַפּט־ארום־געשוירען. —

מערדער, מאַך אַ גרויסען, ווייטען בויגען
ארום אלע מידע גאסען. —
מערדער, וואַרף אוועק די שאַרפּע העק!
קעפּ דערציטערן אין שלאָף אויף ווייסע קישענס —
דערמאָנענדיג אַ קאַלוזשע פון בלוט.

טרוקעניש

*

מידע בלעטער רוישען, האַלבע, טויטע ווערטער,
די ערד איז וויס, און די שטיינער וויס,
ווי פון טויטע פנימער ווייסע ציינער.
די זאַנגען הארכען ווי די קינדער צו שפּייז,
און טרוקענען אוים ווי זיי.

און די דינע וואלקען זענען טרוקען ווי עקרות, אומפרוכטבאַר,
און ווארפען אויף'ן הימעל־בעט זיך אין אַ שטילען צער,
און קומען צו דער קראַנק צוהיצטער זון און פרעגען מידע אָן — —
איבער די פעלדער וואַקסט גיפטיגער מאָהן,
און די וואָלקען קוקען מיד מיט רויטע פאַרבען פאַר־דער־נאכט.

און איבער די לונגען ליגען שווערע שטיינער רויך,
און קינדער ווערען טויט געבוירען הייער,
ס'איז איבער די זאַנגען
גאט'ס ברענענדיגער צארן אדורכגעגאנגען.
און שטומע קרעכצער, לונגען־שפייער,
וואס הויכען מיט פעסט,
האָבען געשאלטען גאטס ווייסע פייער, וואס פרעסט און פרעסט,
בשעת זיי האבען די שטויביגע פענסטער צוגעהאַקט,
ערגעץ אין פערדען שטאַק, ערגעץ אין זיבעטען טראַקט.

שוואַנגערע פרויען

★

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען ביינאַכט,
אויפגעשרעקטע פון האַלבען שלאף,
וויינט גאָט מיט זיי.

הויבט ער זיך אויף פון זיין בלאָ געטליך בעט,
וואַנדערט ער דורך זיין חלל ביינאַכט,
לעשט ער די שטערען אויס
אין זיין געטליכען הויז,
און וועקט די ווייסע מלאכים אויף,
אַז זיי זאָלען שטילע תפלות טהון.

ווען שוואַנגערע פרויען וויינען ביינאַכט,
געהט איבער דער וועלט אַ פאַלענדיגער רוף:
מוּ—טער! —

הויבט גאָט זיך אויף פון זיין בלאָ געטליך בעט,
וואַנדערט-ער דורך זיינע רוימען ביינאַכט,
און אַלע אפגרונדען געניצען טיף,
און די מלאכים טהוען תפלה שטיל;
פילט גאָט די אפגרונדען, וויינט ער שטום,
זעהט ער אַ מוראַדיגע טיף,
און שרעקט זיך פאַר זיין אייגען ווערק,
און הערט דעם רוף
פון בליפענדיגע, וואַרימע בלוטען —
אין נעכטליכען אויפשריי פון שוואַנגערע פרויען.

די פֿאַרשטויסענע צו די אָרימע

★

איהר האט א טאטען, א שטוב און א קינד,
און האט אַן אייגען בעט,
און וויים גערעט,
און אויף אייער קעך שטעהט א טאפּ פֿון בלעך,
און פֿייער ברענט אונטער אייער קעך.
און אַז ס׳איז אייך אומעטיג אין שטוב אליין,
קענט איהר אויף א שעה צון אַ שכן געהן.

און אויך מיר האבען ווייבער, דאך אונזער ווייב,
פֿאַרקויפֿט אין די נעכט דאס צערמוטשעטע לייב,
און אז עס ווערט אונז געבוירען א קינד
דערטרענקען מיר עס אין אַ וואַסער וואָס רינט,
אָדער לאזען עס ליגען אין נאכט, רעגען, ווינד.
און ווערען מיר קראַנק, ווערען מיר מיטאנאנד
מיט טשיפּערן אויסגומערירט,
און אין פֿערשטאָטשפּיטאָל אריין אָפּגעפֿיהרט.
און טאמער גיט טויט נאר אַ שאַרפֿערען בלאָז,
נעמט מען פֿון אונז שוין באציימענס די מאָס — —
ביים לעבעדיגען לייב.

הימלאָזע

★

אַלטע מענער זענען פֿון שטורעם געבראכען,
אַלטע מענער ליגען אויף הוילער ערד.
דאס פנים אין־זיך־געקעהרט, בלאַס, טויט־פֿארקלערט,
די אויגען אָפֿען, דער בליק ווי אויסגעשטאכען.

און ווער עס האט געזעהן עס, דער האט פֿון צער אויסגעשריגען,
מיטביידע פֿויסטען האט ער זיך צוערשט דעם בליק פֿארשטעלט,
און דאן מיט אויסגעשטרעקטע הענד זיך מיטען אונטער זיי געשטעלט
און איז פֿון צער ווי אַ קרייץ געפֿאלען, און לאנג געבליבען ליגען.

פּויל-לעבען

★

איבער די פֿוילע דעכער פֿון לעבען,
פֿליסט ווייכער, לויליכער רעגען,
און אונטער די דעכער אַלטע שפּינגעוועבען,
און אָפּענע בעטען, און קראנקע לייט.

די דעכער רינען,
און די שפּינען אונטער די דעכער שפּינען,
און די קראַנקע אין די שטיבער וויינען.
ווארעמע טראפּען און שטויביגע שפּינגעוועבען,
מישען זיך אוים מיט געבראָכענע שטראלען.

און די אויגען זענען אָפען און זעהען,
און ס׳שפּייען די שטימבענדער קראנקהאַפֿטיג אוים
אומבארעכענטע רייד.
איבער די געטער און איבער די לייט,
און איבער די פּוסטע פֿעלדער: צייט.

שטאַרבען

נאַכט אָהן רוה

★

אָ, עס זענען דאָ אַזויפיל אָפענע וואונדען אין דער וועלט —

מענער הענגען אין די נעכט אויף צלמים
און שרייען דורכאיינאנד מיט ווילדע קולות
פון זייער צער אַרוים.

גליקליכער, רוהיג אָטעמענדיגער ביי דיין ווייב ביינאכט,
פון וועלכער זייט אין דער טונקעלקייט טראגען זיך די קולות?

קום לאמיר אויפשטעהן ביידע, לאמיר געהן
זוכען די מענער, וואס הענגען אין די נעכט אויף צלמים.
אַזויפיל, וויה־פול מענשליך וואונדענבלוט
טריפט פאַרלוירען איינזאַם אין דער טונקעלקייט פון נאַכטגראָז.

קום — חאַלט דיך אין דער טונקעלקייט ביי מיינע הענד.
האַ? ביזטו שוין דא?
וואו? — דא? — הערסטו שוין די קולות אויך?
האלט מיך ביי די הענד;
איך וויל נישט בלייבען דא אליין ביינאכט
מיט די מענער
וואָס שרייען מיט ווילדע קולות
פון די צלמים אראָפ.

פֿון געבראָכענעם בליק

*

און אַז דער טויט קומט נעהנטער אַמאָל
צון אונזערע פֿיר־און־צוואָנציג יאָהר
מיט בלוט־גאָס הוסט און דערשטיקען,
ווערען מיר בלאַס אונטער זיינע בליקען,
און פֿון זיין קאַלטען באריהר פֿארשטיינערט.

און אז ער קומט צו נעהנטער אמאָל,
און זעצט זיך צו צו דער אָרימער סעודה
פֿון אונזער ארעם ביסעל יאהר
און הויבט אן פֿירצוזאָגען ודוי,
דערלאנגען מיר אזא בליק צון איהם,
מיר הונגעריגע, מידע.

און עס וואַרפֿט זיך דער בליק, ווי אויף ווענד,
ווי דורך נעכט,
ווי אַ שאטען פֿון אַ פֿאַרגעהענדיג ליכט,
און אויף איינמאל פֿאַלט ער אַראָפּ צו דער ערד מיט אַ קרעכץ,
און צערברעכט.

אנדרוגינוס טויט

★

איבער די טישען אין גרויסען קאַפעהויז
הענגט אַן עלעקטרישער קאַנדעלאַבער,
צווישען די טישען זיצען פוקס וויבער,
קאָן מען גאַנץ רוהיג רעדען פון אַלץ
מיט אזא טויד,
אפילו פון טויט.

אָבער אמאל קומט דערזעלבער געדאנק
פונ׳ם טויט,
אזוי־ווי אַ קנאַכיגער מענער־אנדרוגינוס
ביינאַכט אין דיין בעט אריין,
סאַפעט ער קרעכצט ער און קעהרט זיך איבער
אלעמאל אויף אנאנדער זייט,
דרוקסטו זיך צו צו דער וואנד, און עפעס אין דיר שרייט, שרייט —
דאכט זיך, דער זעלבער געדאנק —
א פנים נישט אין דער רעכטער צייט.

ט ו י ט ע   ק י נ ד ע ר

★

עפּעס אַנדערש איז דער טויט,
ווי אַן אויסגעשטרעקטער מאַן, אויף אַ הויכען קאַטאַפֿאַלק,
און ווי פֿיר געוואַלטיג זשאַרענדיגע ווייסע ליכט,
און ווי גלאָקען, וועלכע קלינגען און צושניידען מיט דער קלאָג,
מיטען־דורך דעם וואָכענדיגען גראָהען טאָג.

דער טויט, דאָס איז דאָס קינדערשע געזאַנג,
געזונגען אויף אַ ווייטען וועג, וואָס ציהט
דורך האַרבסטיגע, זון־זינגענדיגע, לעצטע גרינע לאַנקעס זיך,
ביי מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאַס, דער דריי־יעהריגערס לויה,
איוואַש, בלאָנד און באָרוועס, און בלויזקעפּיג טראָגט דאָס הילצערן־טרומנעלע;
און די קינדער זינגען, זינגען,
איבער האַרבסט־זון־זינגענדיגע, לעצטע גרינע לאַנקעס.
און אַז זיי האָבען ביז צום טויער צוגעטראָגען
מאַרוסיאַ־מאַרוסיענקאַס הילצערן־טרומנעלע,
האָט דער אַלטער קברן עס גענומען און געזאָגט:
איך וועל עס שוין אַליין באַגראָבען,
איך דאַרף אייך קינדער מעהר נישט האָבען.
און האָט גענומען גראָבען
נאָהענט נעבען פּלויט;
דאָס איז דער טויט.

עפּעס אַנדערש איז דער טויט ווי אַ פרוי, וואָס ליגט אַן אויסגעשטרעקטע אויף דער הוילער ערד,

טויטע קינדער

און ווי די ליכט צוקאָפּענס, וועלכענס פֿלאַמען בויגען זיך ביי יעדען
[עפֿען פֿון דער טיר,
און ווי די ווייבער וועלכע קלאָגען וואַסער־יאָמער טרערען־וואַסער,
און ווי דער מאַן וואס שטעהט אַן איינזאמער, פֿארוויינטער, בלאַסער
און ווי די קינדערלעך, וועלכע רייסען מיט די קולות איין די הימלען.

דער טויט דאס איז אַ מת, פֿון א קינד, א זיבענטאָגיגס
אין א האַרבסטיגען פֿאַרנאַכט,
פֿאַרשלאָגען אין א קעסטעל, וואס איז אכצען צאָל די לענג,
און געטראגען פֿון אַ אלטער פֿרומער באָבע
איבער פֿעלדער, ביז ארויס צום שטילען בית־הקברות,
וואו דער רעגען קלינגט אויף די מצבות
זיינע האַרבסטיגע געזענג.
דער טויט דאס איז אַ מת, פֿון אַ קינד, א זיבענטאָגיגס,
אין דער נאסער קאלטער ערד פֿארשארט.
און אז די באָבע איז אהיימגעקומען, האט מען זי שוין אָפּגעוואַרט
מיט א וואַרעם גלאָז פֿול קאַווע און מיט זאַפֿטיג־שוואַרצען ברויט —
דאס איז דער טויט.

די משפחה ראַוויטש

★

און אז דו ביזט יונג געוועזן,
מוטער מיינע;
ווער קאָן דאס פֿאַרשטעהן, פֿאַרוואָס דו ביזט מיין מוטער,
דו, און נישט קיין אנדערע פֿרוי,
און פֿאַרוואָס ס׳איז אזא ווילדער צער
אפילו איינמאָל אין אַ יאָהר דיך צו געדענקען.

און צו דערמאנען אָן די נעכט אָהן שלאָף,
ווען דער צער פֿון קינדערהאָבען האט אָן דיין לייב געשטויסען,
און ווען דער שריי פֿלעגט געהן דורך אַלע העלבאַלאָכטענע שטיבער,
וואו דאס הויזגעזינד פֿלעגט וואַך־זיין וואַרטענדיג פֿול שרעק.
די האַלבע שטאָט איז אויפֿ־געווען, און דריי דאָקטוירים,
און די ניינציג־יאָהרען־אלטע באָבע שיינדעל,
און אז פֿאַרטאָג האָט דער רב געקלאַפּט צום בעלזער אַ דעפּעשע:
הינדע בת בלימה געווינט, בעט רחמים!
האָט שוין געוויינט אָהן א סוף
מיט דיר אין קימפּעט אונזער דריטער ברודער.
מזל־טוב!
ווער פֿאַרשטעהט דאס מזל פֿון אַ ניי־געבוירען קינד,
וואס וואקסט פֿונאַנדער ווי אַן איילבירט אין דער זון
פֿריי צו אַלע ווינטען און צו אַלע נעכט.

הײנט זענען מיר שוין גרויס
אַלע דריי
מיט מזלות אַלערליי
טיילס אויף דער ערד, טיילס אונטער דער ערד.

די משפחה ראַוויטש

מוטער,
דורך דיינע האָר גלאַנצט עס היינט ווייס,
איעדע פון זיי איז א סימן
פון אַ נאַכט פול צער־וואַרטען
אויף אַ ווייסען טאָג אין פענסטער.

ווידער איז נאַכט,
איך קען דיך,
ביי א פענסטער שטעהסטו שטאַר;
ווי א שוואַלב שלאָגט אָן זיך אָן דער שויב דער געפאַנגענער צער
אויף די פענסטער טריפט דער אָסיען קאַלט,
אַרום די קוימענעס פון אָפגעברענטע הייזער וואָיעט ווי אַן איינזאַ־
[מער הונד
דער דאָרפישער ווינד.
דער טאַטע איז אַלט, מיד, זאָגט ער:
— הינדע, געה שוין שלאָפען, געה, דאַרפסט דאָך אויפשטעהן פריה.
געהט ער פריוועץ, צי די טירען זענען צו
און פאַרלעשט די ליכט.
און נור אַן אָפגעריסען בלעכשטיק קלאַפט אין דאַך,
אַלע עטליכע מינוט,
ווי דער גרויסער זייגער פון דער שרעק פון דער גאַנצער וועלט,
איז דאס קלאַפען,
און ווילד געהט אום אין שטוב דעם טאַטענס מידע, ערשטע כראַפען.

מיר אָבער, די זוהנען,
וואָגלען אויף דער ווייטער וועלט;
טיילס אויף דער ערד, טיילס אונטער דער ערד.

שוין פראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה

★

שוין פּראַוועט דער לעצטער, שוואַרצער וואָרעם
אויף מיינע זיידעס ווייסען רוקען־ביין
זיין איינזאַמע סעודה —
און זאָרגפול שטרעקט ער אוים די דינע הערנער זיינע;
אָ, וואָס וועט ווערען מיט זיין אונטערערדיש לעבען,
וואָס וועט דער האַר פון אַלע וועלטען וויטער געבען?

שוין איז מיין פאָטערס שוואַרצער קאָפּ
געוואָרען גראָה איינגאַנצען,
זילבערן גלאַנצען
זיינע אָסיענדיגע טעג,
ווייל גאָלדען גלאַנצט דער אָסיענגאָרטען,
איידער רויער שטורמווינד טרעסעט אָפּ זיין פאַרביגע דערמאנונג,
ווילדוואָיענדיג בייגאַכט אַזוי:
דו שטארבענדיגער קלערט פון טויט און גאָרנישט מעהר,
פו—ון טויט דו —
מיין פאָטערס מידען נאַקען
בויגט דער האַרבסט,
דער קאָסאַר איז שוין גרייט צום האַקען,

מיינע זיידעס ביינער זענען זיך צופאַלען,
מיין פאָטערס קאָפּ,
בייגט נעהנטער זיך צו דער ערד אַראָפּ.

און איך —
איך בין מיט מיינע קינדערלעך אין גאָרטען היינט אַרומגעגאַנגען,
און האָב געקלערט פון לעבענס וועלכע זענען איינגעגאַנגען.

שוין פּראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה

און אָווענט איז געוואָרען, איינזאַם איז מיר
מיט מיינע קינדער אויף דער וועלט.
און כ׳בין אהיים־געגאַנגען,
אויף די טונקלע דריישטאָקיגע טרעפּ,
האָב איך די איינזאַמע יתומות מיינע
אויפגעהויבען צום האַרץ,
און געקושט אין די גאָלדענע קעפּ.

פֿרויען־נשמה

סענטימענטען

★

צום אומעט אָפֿען, און אָפֿען פֿאַר טונקלער טרויער,
אזוי ווי ערגעץ א ווייטער טויער,
פֿאַרנאַכט, אין דער זון, אין ערגעץ א ווייטען, פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף,
איז מיין נשמה אמאָל, אַמאָל
אקעגען איהר ווילען.

און פֿאַרחלומט ליגט זי מיט אָפֿענע אויגען,
ווי די קינדער אין פֿיבער, ביינאַכט אין טונקלע שטיבער,
וואו דאָס געוויין הענגט איבער דעם חלל,
אזוי ווי א שלייער אויף טרוקענע רויזען,
וואס שטעקען אַפֿיר פֿון אַ בילד אויף דער וואַנד,
א בילד פֿון א פּנים, וואָס איז שוין פֿאַרפֿוילט
געוואָרען אונטער דער ערד.

און אומגעהערט, פלוצלינג פֿליהט עמיץ פֿאַרביי,
ריהרט די פֿינסטערניש אויף, פֿאַלט דער שלייער אַראָפּ,
און די דערשראָקענע קינדער
וויינען אויף אויף א קול.

טרערן

★

איך וויין נישט קיינמאָל,
מיין לעבען איז מיר נישט אַ קרייצער ווערט,
דיינס אויך נישט, געליבטער פֿריינד.
מענער לעבען אהן געוויין, טרעטען האַרט אויף דער האַרטער ערד׳
אָבער ווען מיין קינד אין וויג בעטעלט נאך מיין פֿרעמדען בליק,
און חנעוודיגע גריבלעך זענען אין זיין בלאַסען פּנימעל,
גיט עס מיר אַ ווילדען ריס
און ווי אַ בלוטשטראָם געהט דער טרערענשטראָם
גלייך פֿון האַרץ.

איך וויין נ״ר זעלטען,
מיין לעבען איז מיר נישט אַ קרייצער ווערט,
אַזוי פֿיל ווי די גאַנצע האַרטע ערד.
אָבער ווען אַ יתום־קינד מיט דינע קאַלטע הענד,
בעטעלט ביי מיר אוים אביסעל צוקערוואַרק —
און ווי איך גיב עס איהם קלערט דאס קינד:
ווער ער, וועט ער נישט? איז ער גוט, איז ער קאַרג?
און די דינע הענטלעך ציטערן אַזוי
אין אזא מין אָרעם גליק —

גיט עס מיט מיין פֿולען האַרץ אַ וואָרף
צו דער הוילער ערד, ווי מיט אַ שווערען זאַק.
און ווי אַ בלוטשטראָם גיט דער טרערענשטראָם אַ גאָס —
און צוזן אַ מויער צוגעשפּאַרט,
וואָלט איך אויף אזא מין ביסעל קינדיש גליק פֿון צוקערוואַרק,
געוויינט אַ האַלבען טאָג אין מיטען מאַרק.

געפֿיהל פֿון איינזאַמקייט

★

און אז דער רעגען נעצט דורך די קליידער,
אַז כ׳געה אמאָל ביינאַכט אָהן פֿריינד אַהיים,
און אז דער ווינד בלאָזט אין פּנים אַריין,
געהט עס מיט קעלט דורך בלוט מאַרך און ביין,
דאַן בין איך מיט מיר, און אַליין, אַליין.

דאַן בין איך מיט מיר און אַליין, אַליין,
דאַן שניידט דער ווינד פֿון דער איינזאַמקייט,
דאַן קלער איך פֿון קברים און קלער פֿונ׳ם טויט,
און כ׳הער אַן איינזאַמע רינווע וואָס רינט,
און איינזאַם שניידט אינ׳ם פּנים דער ווינד.

וואס בין דען אויך איך? אַ רינווע פֿון בלוט,
איינזאַם אין שאַרפֿען לעבענס ווינד.
וואו וועל איך דען זיין ווען צומאָרגענס וועט הויך,
אויפֿגעהן עפּעס אַ טויזענדסטער טאָג?
רויך אינ׳ם זונ־שיין, זונשיין אין רויך,
און פֿון אלע גוטע פֿאַרגעסען אויך.

דער מאַן

★

וואָס האָט דען שוין דער איינזאַמער דער דערוואַקסענער מאַן,
וואָס האָט שוין אַלץ דערגרייכט?
דעם לעבענס נישטיקייט
שלאָגט אָן זיך ווי אַ ברייטע קייט
פֿון כוואַליעס אָן זיין שטערען.
און זיינע קינדערס וואַרימע טרערען
מאָהנען דאָס ברויט פֿאַר די נעכט פֿון דער ליבע —

אין די גלעזערנע טערמער פֿונ'ם טרוים,
בושעוועט געוויטער,
און שווערע שפּליטער
פֿאַלען אין דער נאַכט אַריין.

וואָס זאָל ער טהון;
צינדט ער אָן אַ לאָמפּ
און רופֿט צוזאַמען זיינע פריינד,
שטעלט אַוועק א קויש מיט זויערע עפּעל
צום שיילען,
און נעמט זיך דערציילען
עפּעס נישטיגס, ביליגס, עפּעס וואָס צום לאַכען.
וואָס דען זאָל ער מאַכען?

אָסיען

★

אזא מין ליד פֿון טרויער, וואס געהט
אין אָסיען ביינאַכט אין טונקעלע שטעט,
מיט דעם איינזאַמען ווינד, וואָס וויינט און וועהט,
איבער די טונקעל־פֿאַררעגענטע גאַסען;
אזא מין ליד קען איך נישט זינגען. —

אָבער אזא מין טרויעריג ליד,
וועהט קאַלט און שאַרף דורך מיין טונקעל געמיט,
און ציהט, און ציהט
אַלע סטרונעס אין גייסט מיט טרויער אָן,
אלע בעכערס אין הארץ מיט טרערען אָן,
כאָטש כ'טרעף נישט דעם טאָן
פֿון אזא מין ליד.

שטנים נצחויז

★

אַמאָל אָבער זענען פֿארהאנען טעג, — —
אַך ניין נישט די טעג, נור די נעכט, די נעכט ;
ווען אַ נעבעל ליגט אויף דעם גאַנצען לעבענס־וועג,
און אַלץ איז א מדבר, מדבר ביינאַכט.

פּאַלאַצען פֿול רוה און מקדשים פֿול זון,
באַגראָבען אין נעבעל, ווי אין אַ געדאַנק,
וואָס אז מען קלערט איהם שטאַרבט מען דאַפֿון,
און שווער איז ער, גראָה ווי דאָס בליי.

דערוועג דיך דאַן נישט צו מיר מיט דיין בון,
פֿול לידער און בלאַנקען געדאַנק. —

ברענג האָלץ, מאַך פֿייער, גיב טרוקענע שיך,
און קאָך אָב הייסען טיי.
און צום פֿאַרבייסען גיב א צוויי שטיקער
פֿון עכטען, ווייסען צוקער.

און נאָר געלעכטער

★

זאָג מיר, פאַרוואָס איז דאָס לעבען אזוי;
דאָס גליק איז האַלב און דאס אומגליק האַלב,
עס פאַלט דער בעכער מיט קוואַלוואַסער: גליק
אוים דער האַנד,
אין סאַמע מיטען דורשטיגען קוש,
און גלייך אזוי פאַלט דער בעכער מיט גיפט.

און זאָג מיר, פאַרוואָס איז דער טרוים אַזוי גרוים,
פליהט ער ארוים ווי צומאָרגענס די שוואַלב, —
(דאס גליק איז האַלב, און דאס אומגליק האַלב)
און די שוואַלב ווערט דורשטיג, און לאָזט זיך אַראָב,
און שוועבט אנידער טיפער און טיפער.

און אויך טויט איז טרוים, און אויך טרוים איז האַלב.

און נור געלעכטער, געלעכטער איז גאַנץ,
און איז דער נשמה׳ס עקסטאַטישער טאַנץ,
און איז די בלוטענס העכסטע געזאַנג,
ווילדסט געזאַנג,
און שאַרף איז עס, שפיציג און קלאָר און עס ווייהט
אַרויף ווי א קווימש צו יהוה —
און ס׳איז נישט קיין נאַר דער אַלטער יהוה
און ער פאַרשטעהט
און ווער איז איהם,
דעם אלטען, גוטען וועלטענשאַפער.

שפּיטאָל־נאַכט

★

ווילדע גערדאַנקען, הוילע גערדאַנקען,
האַלטען צוזאַמען זיך, פליהען און פליהען,
אַזוי ווי די שוואַלבען־חברותות וואָס ציהען,
סוף־זומער איבער דעם הימעל,
אָהן אויפהער, אָהן —

גערדאַנקען פון צער, מחנות אויף מחנות,
הונגעריגע נודניקעס־געסט,
פאַלען אַזוי ווי די היישרעקען־פעסט;
כמאַרע אַרויף און כמאַרע אַראָפּ,
וואס איינע לאָזט איבער, דאָס פרעסט
די אַנדערע אָפּ.

די פּאַקעל ווילען

★

און אַז עס מאַכט זיך איינמאָל, אז די מידע הענד,
לאָזען זינקען אויף א רגע נור די פּאַקעל,
און זי ברענט,
זשאַרענדיג אזוי זיך, קיהלענדיג זיך ביי דער ערד,
קומען זיי שוין, קומען און פּאַלען צו,
און נאָגען, נאַגען ווי די הונגעריגע שלאַנגען;
בלוטיגע הלומות,ליידפולע געדאַנקען,
וואָס זענען נישט דערגאַנגען
צון א סוף.

דאן לייג איך מיך אַנידער מיטען אויף דעם וועג;
און די שלאַנגען נאָגען אָן דעם לעצטען ווילען;
און מיט א פולען,
טרויריגען ליכט ברענט די פּאַקעל,
זשאַרענדיג זיך, קיהלענדיג זיך ביי דער ערד.

מיין טרויריג ליכט וועט זיך שוין היינט דערפולען,
די שלאַנגען נאָגען אָן דעם לעצטען ווילען.

טויטשריי אינמיטען גאַס

★

דער וואָגען איז אייזען, די ציהזיילען דראָט,
דער וועג פיהרט איבער א פאָלקרייכער שטאָט,
און הונדערט־טויזענד מענשענבליקען;
איך וועל דערשטיקען, דערשטיקען.

און די מוסקולען איינגעשפאנט שאַרף,
איך ציה און ציה, און וואַרף מיך און וואַרף,
דאָס אומגליק רייט אויף מיר, און דאָס גליק ליגט אין וואָגען שווער,
און איך קאָן שוין נישט לעבען מעהר;
ווי דאָס דאַרע פערד אויף וואַקלענדיגע בריקען,
וועל איך אנידערפאַלען און דערשטיקען.

★

נאָך 11 יאָהר מיט 30 טעג,
צו פֿולע 36 יאָהר,
און 36 איז די אָרימע מאָס;
אַ קלוגער בעל־חשבון ווייסט עס קלאָר.

נאָך 11 יאָהר, ווי איז דאס ווייט
4048 טעג די לענג,
4000 זונען־אויפֿגענג, פֿריינד,
4000 אונטערגענג.

און רעכען אפ דיר אלע טריבע טעג;
גערעכענט גוט, גערעכענט שלעכט,
בלייבט איבער 40000 אַליץ,
שעה'ן זונענליכט.

ל י ב ע
פֿון יחידים

טעג פֿון יונגער ליבע

★

דער ריח פֿון ערד און פֿון ביימער, און פֿון יונגע ווינטען,
דער אָנבליק פֿון יונגע פֿרויען,
וועקט איבער מיין טויטע יוגענט;
און זי רייסט אויף די אויגען איהרע און לאַכט, און לאַכט,
און איהרע קליידער פֿלאַטערן אין ווינד,
און זי בוקט זיך קלויבט און בינדט,
זיבענפֿאַרבענפֿולע שטראַלען־בונטען פֿון דערמאָנונג.
און דו מוזט וויסען, אַז ס׳איז מיין יוגענט,
געוועזען אָרים, טאָגטעגליך און פּראָסט.

און ס׳געהט מיר אַזוי ווי די מייסטער, די טריימער,
וואס גראבען געוועזענע וועלטען ארויף —
און טריימען ארוים
פֿון ערגעץ א שווייגענדיג שטיינערנעם טרעפּ,
פֿון א געוועזענעם הויז,
פֿאַרגאַנגענע וועלטען פֿול וואונדער, פֿול וואונדער.
און דו מוזט וויסען, אז אויך יענע וועלטען,
זענען געוועזען טאָגטעגליך און פּראָסט.

דאָס ליבעס־ליד

★

וואָס איז דאָס ליד? — ס׳איז א בלומענבלאַט;
לייכט אין דער זון און פאַרגעהט אין דער זון.
אַך ניין — נישט דאָס ליד איז א בלומענבלאַט,
וואס לייכט אין דער זון און פאַרוויאַנעט דאַפון,
דאָס זענען די טעג פון דיין לעבען.

און דאס ליד איז א שטיין, א שטיין איז דאס ליד,
צולאַסט פאַלט עס שווער, און קאָסט אָפט א טרער,
און ליגט אויף די שעהן וואָס פלאַטערען אין ווינד,
אזוי ווי בלאָה־פארביגע בענדער,
און לאָזט זיי פלאַטערן אין פאַרביגען בונד,
און לאָזט זיי נישט נאָך פון געדאַנק אין דעם ווינד.

ניין דאס ליד איז א רייף, א שטאָלערנע רייף,
איז דאס ליד,
און דו ביזט א קאָוואַל, און קאָוועסט געניט,
און שטעהסט אין דיין קוזניע ביים פינסטערען וועג,
און די וועגסלייט ברענגען די נעכט זייערע דיר, לייכטענדיג לעבען
[און ליבע,
און ברענגען דיר בונטען פון גליקליכע טעג:
— קאָווע אונז רייפען פאַר אונזערע טעג,
ווייל דיינע מוסקולען פון גייסט ברענגען רוה,
פאַר שוואַכע, פאַר ארימע, דרייפאַכע קינדער.

הויב אויף דיינע גייסטיגע צאַנגען,
און דיינע האַמערס הויב אויף.

דאָס ליבעס־ליד

אוּן קאָווע פֿאַר אָרימע קינדער,
פֿאַר יעדען באַזונדער, פֿאַר יעדען באַזונדער
א רייף פֿוּן געזאַנגען
פֿאַר לאָקערע בוּנטען, בוּנטען פֿוּן טעג,
וואָס זענען פֿארגאנגען.

אַ שטיל רויזענליד

★

אין גאָרטען האב איך א רויז געזעהן,
איינזאַם בליהענדיג, גליהענדיג רויט
אָבענד׳ס און מאָרגענס צום הימעל פֿליהענדיג
האט זי מתפלל געווען מיט איהר ריח.

אין גארטען בין איך פֿאָרליבט געווען,
איינזאַם בליהענדיג האַרצען־גליהענדיג,
אָבענד׳ס און מאָרגענס צום הימעל פֿליהענדיג
האָב איך מיין יוגענד׳ס ליבע געזעהן,

דריי טעג האָב איך א רויז געזעהן,
דריי נעכט האָב איך צון איהר געבענקט.
איינזאַם בליהענדיג, גליהענדיג רויט
האט זיך די רויז צו די ביהנען פֿאַרשענקט.

און ס׳איז געשעהן אויף דעם פֿערדען טאָג,
האט אבגעבליהט און פֿאַרבליהט די פראַכט.
און אין דערזעלבער זילבערנער נאַכט
איז גאָל געוועזן דער רויזען־צווייג.

אויך דו געליבטע, מוטער פֿון מיין קינד,
אויך דו האָסט איינמאָל אזוי געבליהט,
אין זונשיין געגילדט זיך און אבענד׳ס געגליהט;
געליבטע מוטער פֿון מיין קינד.

און זאָג היינט תפלה אין זילבערנער, נאַכט

אַ שטיל רויזעגליד

ווייל ס'איז דיין בליהונג און גליהונג דערפֿולט,
כ'האָב בליהען געזעהן אַ רויז אין איהר פּראַכט,
כ'האָב זי שטאַרבען געזעהן בענקשאַפֿט־געשטילט.

און וויין מיט מיר היינט אין זילבערנער נאַכט,
צווישען די ביימער אויף אַ גאָרטען־באַנק,
מיטען ביינאַכט אויף פֿאַרבליהטער פּראַכט,
צווישען די ביימער וואָס וויגען זיך באַנג.

די ליבע
(פאראָדיע)

זי הויבט זיך אָן אין האַרצענס בלוט,
און ציהט אייך ביידע צו צום בעט,
די ליבע.
זי ענדיגט זיך אין קיהלען בלוט,
און ענדיגט זיך אין שלאָף אין בעט,
די ליבע.

זי וועקט זיך אויף אין מיידעלס בלוט,
אין זעכצעהניעהריגענס,
די ליבע,
און ענדיגט זיך אין טייכען בלוט
אין קימפעט,
די ליבע.

און ס'יאָמערט אויף א קול ביינאַכט,
די צייטיגע, די רויטע פרוכט
פון ליבע.

צייטיגע ליבע

★

צו דער גרויס פֿון דײַנע אָטעמענדיגע גלידער,
צו די שווערע קרייזען פֿון דײַן לייב,
צייטיג ווייב,
אָטעמט די ליבע פֿון מײַנע באַגעהרענדיגע לידער.

מעגליך ביזטו,
מיט א גאַנצען קאָפּ איז העכער דײַן געליבטער לייב פֿון מײַנעם,
דײַן ברוסט איז מעגליך, מוסקולאַרנע,
קינדער האָבען נאָך אָן איהרע רויזען נישט געזויגען,
אויסגעשטרעקט, באַגערענדיג ווי די ברוסט פֿון אַ ווילדער סאַרנע.

דו ביזט העכער,
אָבער אין די אַקסלען בין איך ברייטער ווי דו,
און אין די אָרעמס שטאַרקער.

אָבער די יונגען און די מיידען
פֿון אונזער ליבע,
וואָס זענען איצטער נאָך נשמות אין גן־עדן
וועלען לאַכען,
ווי דו, ווען דו האָסט אומפֿאַרשעמט און זינגענדיג מיין שוימענדיגע
[ליבע אויפֿגענומען אין דײַן לעבען אינמיטען העלען טאָג,
און וועלען ברייטער אין די אַקסלען זיין ווי איך,
און העכער נאָך ווי דו.

צייטיגע ליבע

★

זים ווי דער זאָמענגאָס פּולסירט דאָס בלוט
אין מיינע אָדער'נס שווערער היץ —
איך האָב דיך ליב, געזוינטע שלאַנקע מויד,
שעהנע, ברייטביינערדיגע מוטיגע.

זעה, ווי מיינע קינדער לאַכען ווען זיי זעהען דיך,
אפילו דאָס גאַנץ קליינע אין וויג.
ווער עס זעהט דיך איז פול פרייד.

וואס — ליבע — רעד נישט דאַפון,
עזות איז ליבע.

זאָלען אַלע לאַכען און וויינען און שטוינען,
קום צו מיר די נאַכט מיט מיר צו וואוינען;
דיינע ליפען בייסען זיך זאַפטיג, הונגעריג ווי דאָרפּישו ברויט.
פּאַק, געזונטע מויד,
דיינע געליבטע גליקליכע קליידער
און טראָג זיי ארויס פון דיין מאַמעס הויז.
זאָל זי וויינען און שטוינען;
ביי מיר וועט דיר בעסער זיין צו וואוינען.

אַ יונגע שוואַנגערע פֿרוי

★

דעם בלוט אַקעגן,
דעם טויט אַקעגן,
אַקעגן דעם לעבן;
פֿון אונזער קינד. —

און האָפֿנונגען פֿון קאָרנפֿעלדער,
צו גאָלדענע זאַנגען אַקעגן,
דיין לייב איז געבענשט און שוואַנגער,
און שוואַנגער איז מיין גליקליך געמיט.

שוואַנגער מיין גייסט און איבער דיין שטערן —
שימערט פֿילפֿאַרביג א נשמה ווערענדיג,
און איינגעהילט אין דעם אור־טרוים פֿון ווערן;
אַ לעבעדיגע מאָזאַיק פֿון דורכזיכטיגע פֿאַרבן.

פֿאַרגענגליך איז

★

פֿאַרגענגליך איז די ליבע, פֿאַרגענגליך,
אַזוי ווי דער הויך אויף די מיידעלשע וואַנגען,
אַזוי ווי די רויזען פֿון יונגע ברוסטען;
דאַפֿאַר בין איך ווייטער, ווייטער געגאַנגען.

פֿאַרגענגליך איז די פריינדשאַפֿט, פֿאַרגענגליך,
אַזוי ווי דער שימער פֿון יונגע ביכער,
אַזוי ווי דער כח פֿון נייע געדאַנקען;
דאַפֿאַר בין איך ווייטער אַן אייביגער זוכער.

דאָס לעצטע ליבעסליד

★

סע בויגען זיך די בוימער פֿון דער ליבעשוין,
נאָך זומערטעג, נאָך טעג פֿון שטורעם,
און אין די צייטיגע פּירות טאָקט דער וואָרעם.
טאָקט.

די בוימער בויגען זיך, סע פֿאַלט דאָס בלעטערוואַרק,
און אַנדערע טרוימען, אַנדערע באַגעהרען ווערען;
באַלד וועלען אויפֿגעהן ווינטערדיגע, קאַלטע שטערען,
הויך.

וואס ס'איז געווען, איז שוין פֿאַרגאַנגען און פֿאַרביי,
סע איז געווען שעהן און האָט זיין ווייטען וועג גענומען,
שענער — ווייל עס וועט נישט קיינמאָל קומען,
מעהר.

ק י נ ד

★

אין אַ אָסיען־פֿאַרנאַכט
ווערט קיהל און טונקעל אין מיינע שטיבער,
צינד איך אָן אַ ליכט, און לעז די לידער פֿון מיינע פֿריינט.
קלאַפּט עמיץ אָן, געה איך און עפֿען.
— אָ, דו מיין ליבער!
ער אָבער זעצט זיך אקעגענאיבער,
שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָןביידע הענט;
בלאָזט אויס דאָס ליכט.
דערווײלע איז געוואָרען טיפֿע פֿינסטערניש.
— דו, זאָגט ער,
וואָס האָט דיר אַ ווייב געטוינגט,
אז זי זאָל האָבען דיר אַ קינד אַ קראַנקס?
עס איז דאָך קראַנק, זיינע ביינדאַלאַך זענען אזוי שמאָל;
און אַז עס לאַכט שוין יאָ אַמאָל, אַמאָל,
געפֿעלט מיר נישט זיין לאַכען.
אָט אזא קליינ׳ס, לאָז עס נאָר איבער אויף איין מינוט
אויף אַ טיש, פֿאַלט עס אַראָפּ,
און אָט פֿון דעם קליינעם בלאָנדען קאָפּ,
קאָן געהן א גאַנצער בעקען בלוט.
און טאָמער פֿאַרקיהלט זיך עס, אָט אזא קליינס,
קען עס דען אויסהאַלטען פֿערציג גראַד פֿיבער?
איין טאָג, אפשר —
ביינאַכט וועט עס דיר רעדען פֿון פֿיבער,
וועסט רייסען די הויט פֿון דיין לייב דיר פֿאַר צער —
און פלוצלינג בלייבט דאס הערצעלע שטעהן —
איז אַלץ פֿאַריבער,

ק י נ ד

אָט אַזאַ קליינס ווערט באַלד ווי פאַרמעט געל;
און די תכריכים׳לעך -- —
די גאַנץ, גאַנץ קליינענקע תכריכים׳לעך — —

מ ו ט ע ר

✻

אָט דאָס זענען די אײַנגעפֿאַלענע באַקן,
אָט דאָס די אויסגעפּייניקטע רמ״ח־אברים,
אָט דאָס דער מקדש וואָס איז נאָך הייליק פֿאַרבליבן;
די כותל־מערבי, וויינענדיק מיט ליכט־פֿלאַם־צער און שטילע טרערן:
מוטער.

דאָס איז דאָס לעבן און דער אונטערגאַנג,
דאָס זענען נאָך טרערן און דאָס איז נאָך געזאַנג,
און ביי וואָס איז נאָך מער מיר צו וויינען פֿאַרבליבן?
מוטער. —

דאָס איז די פֿלאַם נאָך, וואָס קומט ציִשענדיק צו צום געוויסן:
דאָ, דאָ קענסטו נאָך טיילן דעם לעצטן ביסן,
דערמאַן דיך, אײַטלער מענש!

מ ו ט ע ר

★

מוטער מיינע! אויף אַלע וועגען אין לאַנגען לעבען,
קומט מיר אַקעגען דיין הייליגקייט,
אויפליכטענדיג פּלוצלינג, אַזוי ווי אַמאָל נאָך א שלאָפלאָזער נאַכט,
דער גרויסער און איינציגער שטערן, אין העלער מזרח־זייט.

מוטער מיינע! געהיימער שפּיגעל פון מיין באַוועגטען לעבען!
פון דיינע אויגענס טרויריגען צער קומט אַ רוף,
וואָס טרעפט אין דעם וואַלד פון דער נשמה׳ס טיף,
וייט, וויט ערגעץ די טעג פון מיין קינדהייט.

מוטער מיינע! דורך דעם צער פון דיינע טרויריגע אויגען,
זעה איך א רעגענשטילען פאַרנאַכט און א רעגענבויגען,
וויט וויט איבער פאַרנאַכטליכע הימלען געשפּאַנט;
דער רעגענבויגען פון מיין זיבענפאַרביג לעבען.

מוטער מיינע! קיהל געהט אַ ווינד פון צפון און פון מזרח;
זונענפאַרגאַנג — די זיבען פאַרבען לעשען זיך איינע נאָך דער אַנדערער.
פוסט שטעהט דאָס פעלד און טונקלע שאָטענס פאַלען. —
מוטער — וואָס בין איך דען מעהר, ווי אַן איינזאַמער, טרויריגער וואַנדערער.

נ אַ ק ע ט ע
דיכטער־נשמה

וואָס איז דער דיכטער

★

וואָס איז דער דיכטער?
ווער סע וויל דער ענטפערט צו דער זאַך און שטיל,
איינער זינגט אויף!
דער בייזער אָבער שפּייט.

און איך זאָג דיר אַזוי:

וואָס איז דער דיכטער —
אַ שווערער וויין אין דער נאַכט פון דער וועלט,
די לעצטע טרייסט פון אַ פאַרלאָזטער אַלטער מוטער;
זי לייענט זיינע וואונדערליכע מעשיות,
ליינט די פאַרגעלטע לידער־בענד און די ראָמאַנען,
זיי שיטען זיך פון מאָל־שטויב און פרושען מיט דערמאַנען, דערמאַנען.

ער איז דער זונה'ס פינקעלדיגער, שלאַנקער האָפנונגס־כוס,
פול פרישער ליבע, יונג און יעדענפאַלס אַזוי,
ווי ס'איז געווען און קומט שוין קיינמאָל מעהר נישט אויס.

דעם דיכטערס פעלדער זענען ערד־מקלט
פאַר געוועזענע וועלט־באַגליקער.
זיי וויינען אין דעם שאָטען פון זיין גאָרטענס בלעטער,
און קומענדיג צו זיך הויבען זיי פול צער אויף די האַק געדאַנק
און האַקען ווילדע, און שווערע שטיקער;
שטיק פאַר שטיק, פון די געשניצטע מאַכטיגע זיילען, טרוים־באַלאַסטען,
וואָס זענען אויך אמאָל געוועזען מאַסטען,
אויף די שיפען פון דעם ים פון זייער וועלטענליבע.

וואָס איז דער דיכטער

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטס געוויסען,
שפּרינגט אום ביינאַכט אויף בלעכערנע דעכער,
וואָס לייכטען זיך אין ווייסען ליכט,
שלייכט זיך אַריין אין די מערמעלנע געמעכער
פון דעם זינדיגען געשלעכט,
רייסט פּלוצלינג אויף די טירען, אז דער ווינד ציהט דורך די שטיבער,
האַקט זיי ווידער צו. —
דער שלעפער וואַלגערט זיך אויף זיידענצייג,
זעצט אויף זיך און צינדט אָן א ליכט,
און הערט זיך איין — —
אַך — וואָס קאָן דאָס זיין?
ווער געהט אין מיינע שטיבער אוים און איין?
ווער מאַכט די טירען מיינע אויף און צו? —

וואָס איז דער דיכטער —
דער וועלטען־שופט!
ציהט איין די ברעמען, פאַרבייסט די ליפען,
שניידט אויף דער וועלטס נשמה אויף אַלע איהרע פּרטים,
און שפּרעכט געוואַלטיגע משפטים,
וואָס שפּרעכען יעדען פריי:
פאַלשע רבנים, רוצחים־גלחים שטינקענדיג פון בלוט און זנות,
ביז
צו די בלוטפּריפענדיגע בני־מלכות,
גנבים און גזלנים מיט לעדערנע פּנימער און טרוקענע הענד,
מיט קליינע און קעצישע אויגען,
און יענע וואָס האָבען געשענדט און געברענט,
מכשפים, בלוטזויגערס און תלינים,
ווייל אַלע, אַלע זענען משוגעים.

וואָס איז דער דיכטער

און נור — איינעם פייניגט ער און משפט ער,
פרעגט אויס מיט אלע ברענעדיגסטע שאלות,
און פאַרקינדיגט מיט געוואַלטיגען התפעלות:
שולדיג!
און דאָס איז ער אַליין.

וואָס איז דער דיכטער —
די פרייד פון דער וועלט.
שטעהט אויף באַגינען־טאָג און לאַכט,
ווילדע שלאַנגען־קנייטשען וואַרפען זיך אין די ווינקלען פון זיין מויל,
משוגעת־פרייד־שוים איז אויף זיינע ווייסע שורות ציין,
די פרויען פון דער פרייד פאַרשטעהט ער,
און אין דער נאַכט שטרעקט אויס די בוגרת איהר לייב צו זיין [הייסען בלוט,
אַז זי רופט
דעם תליון פון איהר מיידעלשאַפט.

וואָס איז דער דיכטער;
רעוואָלוציאָן!
דאָס שטומע מויל פון דעם גראָהען פאָלק מאַכט זיך אויף אין זיין [ליד,
און שרייט:
און די מלכים וואָס הערען דאס געשריי אין די נעכט פון משפט,
לאָדען אויף דאס געזינד אויף פערד און אַנטפליהען,
אזוי ווי חיות אין וואַלד,
ווען די שרפה וואַלגערט זיך נעהנטער, און נעהנטער,
ברעכענדיג אין רויטען כעס אוראַלטע בוימער.

וואָס איז דער דיכטער

וואָס איז דער דיכטער —
אַ וואָרעם וואָס איז שטיל צונאַנדגעקאָרטשעמט,
ווען דעם נאַקעטען לעבעדיקן בלוט־גאָס רינט,
דורך דעם לאַבירינט
פֿון זיינע אונטעראיבערערדישע דרכים,
דורך וואַכע נעכט און דורך טונקעלע טעג,
ער איז פֿאַרשטיינערט איינגעשרומפּען און פֿאַרקלערט,
ליגט איינגעצויגען אויף דער ערד,
און הערט
זיך איין מיט שרעק צו יעדען שריט וואָס קאָן איהם ווערען טויט.

וואָס איז דער דיכטער ?
ווער סע וויל דער ענטפֿערט צו דער זאַך און שטיל,
איינער זינגט אויף,
דער בייזער אָבער שפּייט.
און איך האָב דיר געזאָגט דעם נאַקעטיגען אמת.

די פרייד

★

אָט, ביי דער צעבראָכענער וויג
פון מיין ניי־געבוירענעם זון,
שווער איך דיר א שבועה,
א ווילדע שבועה, רוי ווי דער ערשטער אדם פון א שוואַרצען וואַלד,
אויף דער פרייד פון לעבען שווער איך דיר א שבועה.

אָט, ביי די שטערן־קנייטשען פון מיין עלטערנדיגען ווייב,
שווער איך דיר א שבועה,
אז דאס לעבען איז מיט פרייד
אויסגעפילט ווי די מיט־זומער־טעג מיט ליכט.

ביי די הונגעריגע שווער איך דיר,
און שווער דיר ביי די שטאַרבענדיגע,
און ביי די איינזאַם־אומגליקליך־פאַרליבטע,
און ביי די וואָס שמאַכטען אין די תפיסות,
און ביי די, וואָס שטאַרבען אלע שפיטאָלענע איינזאַמע מיתות.

סתם — — —
נאַריש זענען זיי!
ווי די קאַסטרירטע אָקסען פאַר די שווערע לאַסטוועגען.

אָבער דאָס לעבען איז די פרייד אליין! —
אַזיסט, וואָס דען קאָן עס זיין? —

און ביז איך וועל הענגען,
אויף דער טרוקענער תליה פון מיין לעצטען טאָג

די פֿרייד

וועל איך אויף אַלע באַכענדיגע, בלוטפֿולע גלאָקען
פֿון געזונטע, דערהויבענע מענשענהערצער,
קלינגען די פֿרייד,
מיין פֿרייד
איבער מיין וועלט.

דער עגאָצענטריקער

★

גאָט, דער שאַפער, האָט געשאַפען
מיך אודאי ווי עס קעהר,
פעהלען פעהלט מיר גאָרנישט,
וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט
ווייס איך נישט;
מענליכקייט האָט ער מיר נישט געשפּאָרט,
פרעג ביי מיינע ווייבער.

דער ווילדער שריט פון מיינע פיס
שרייט פון שריט צו שריט:
טהו, זיי, ווער, מוז!
אָן מיינע שווערע הענד ברענט ווילען.

וועלט, אומענדליך ווייב פון מיין אומענדליך ווערען,
זיי מיט מיר, ליג מיט מיר!
צום קאַלטען פענסטער געה איך צו, צו קיהלען
דעם פאַרכמאַרעטען שטורעם־שטערען,
נאַכט, קעלט, ווינד —

אויב עפּעס דאַרף ווערען, זאָל עס ווערען
גרויס —
מיט מיר. —
אָ, ווי גלויב איך אין מיר,
אָ, ווי האָב איך מיך ליב.

דער שטן און איך

★

— אָט דאָס ביסעל לעבען, אָט דריי ליטער בלוט,
און ביינער א בינטעל, און אויגען א פּאָר,
און דאָס איז א שאָד גאָר, דאָס גאָר?
— כאַ — כאַ —

— און דאָס ביסעל לעבען, פּולסירענדיג בלוט,
ביינער וואָס שטרעקען זיך אויס צו דער זון, און אויגען וואָס
[לייכטען צון איהר,
און דאָס איז א שאָד מיר, אודאי, אָהן שיעור,
אָ צער, אָ!

— אָט דאָס ביסעל לעבען, גערונען ווערט בלוט,
ביינער — זיי וועלען צערפּוילען, אויגען זיי ווערען צערפרעסען פון
[ווערים;
האַרץ, מאָגען, מיסט, געדערים.
און דאָס איז א שאָד — כאַ—כאַ—

— און דאָס ביסעל לעבען, זינגענדיג בלוט,
און תמיד נור איינמאָל נאָך, אויסשטרעקען הויך זיך, ארויף צו דער
[זון,
איבער אלעמענס קעפּ. איינמאָל הויך — איינמאָל און —
אָ אומענדליך, אומענדליך ווידער.

געוויסען

✱

אזוי ווי אַ הונד פֿאַר דעם הינדשלעגערס שלינג,
אנטלויף איך פֿלינק
פֿאַר מיין אייגען געוויסען.
די אוירען איינגעצויגען — און אויסגעצויגען
מיט אלע פֿיר איבער דער גאַפּענדיגער שטאָט,
ביז אין די שמאלע גאַסען, ביז צווישען צוויי הויכע מויערן.
איך סאַפּע שווער, און קלער:
אַך איז דאס געווען אַ גע׳עג, אַ שויער. —

און פלוצלינג, דערלאַנגט עס א ריס ביים האַלץ
פֿארלוירען, פֿאַרלוירען איז אלץ —
און איך שריי, שריי נאך איינמאל הויך נאך דעם ריס,
און לעג מיך אנידער צום הינדשלעגערס פיס.
און ליג צו פֿיסען
פֿון מיין געוויסען.

דער מח האָמערט פֿאַר שרעק, פֿונקען גליהען פֿאַר די אויגען:
אַך — וואָלט איך איינמאָל נאָך מיך אויסגעצויגען,
מיט אלע פֿיר איבער דער שטאט — —
דער מח הויבט זיך פֿאַר שרעק, פֿונקען גליהען אין מיינע הינטישע
[אויגען.
דער הינדשלעגער, איצט זעה איך, וואָס כ׳האב עס אָפּט געהערט,
האַלט אַן אייזערנעם האָמער, פֿאַר אונז, די הינד, א תלינים־שווערד —
און דער שאַרבען אויף מיין מח איז פֿון ווייכען קנאָכען,
וועט ווערען אזוי לייכט געבראכען,
און מח וועט שפריצען אוים מיינע אויגען.

געוויסען

איך ליג צו פיסען,
און לעק פול צער
די שטיוועל פון מיין ברענענדיג געוויסען.

★

נעם דיך צוזאַמען:
מוט!
און זאָג:
„מיין מוטער האב איך פון מיין טיר ליבהאַרצענדיג מיט כבוד
[אָפּגעוויזען,
צו מיין ווייב האָב איך געזאָגט: ביזט אַלט, אָפּגעלעבט;
מיינע קינדער האָב איך איבערגעלאָזט אין זויגיע טעג אין טונקעלע
[שטיבער,
לעכער האָב איך געגראָבען אונטער די פיס,
די באָרוועסע, גלויביגע וואַנדערער־פיס פון מיינע בעסטע פריינד,
פלייש פון סאַמעטפּיסיגע קעלבער האָב איך מיט אַ גרויסען געסט
באַשטעלט ביי א קעלנער אין א קאַפּעהויז;
ווייל איך האַלט פון גוטע קעסט —
און געפרעסען האָב איך עם מיט ווייסער חלה,
בשעת גאַסען־קינדער האָבען צוגעטוליעט בלויע פנימלעך
צו די רעגענ־נאַסע, גרויסע שויבען
און געקוקט.
אָרימע אַרבעטער־מיידלעך האָב איך אָנגעהויבען
אָבער גוט באַצאָהלט.
און בין געגאַנגען דעם וועג פון אַ דיכטער פון פרייד
און פון דער ליבע צו אַלע קרעאַטורען,
פון קלוגשאַפט, קאָמוניזמוס און וועלט־גליק.“

— ווי קאַן איך דיר דאס אַלעם גלויבען?
— אודאי קאָנסטו! פאַר אַזעלכע מיני זינדען שטראָפט דאָך נישט
קיין שום געזעץ פון מערב און פון מזרח —

חלף

און פֿון די עשׂרת־הדברות איז נישט אָנגעריהרט קיין אלף
און דאָך איז דאָס נישט אמת;
אָבער ס'איז א חלף,
און מאַנכמאָל דאַרף מען שנײַדען די נשמה מיט א חלף.

אײנזאַמקײט

★

כ'האָב אָנגעהויבען מיט הונדערט פרעמדע געזאַנגען,
און שטום געבליבען אינמיטען,
אַזוי ווי כ'בין הונדערט פרעמדע וועגען געגאַנגען,
און אלע צום סוף געמיטען.
וועל איך מיר זוכען אײגענע וועגען.

און ווײל איך האָב הונדערט אײגענע וועגען,
מיט אלע פײנען תמיד נײ באַטרעטען,
און צו הונדערט נשמות מיך צוגעבונען,
און נישט קײן מיטגעהער געפונען.
וועל איך אלײן געהן דעם ליכט אַקעגען.

גריבלערס נשמה

★

נאַכט.
טיפֿע וואַנדערלגענג.
לינקס פֿיהרט דער ווילען מיך, רעכטס דער געדאַנק.
גליטשט דורך מיין גייסט זיך ביי די ווענד אין לאַנגען גאַנג.
זוכט די טיר פֿון דער דערקענטניש.

נאַכט.
דער גריבלער גריבעלט, דער זוכער געהט ווייטער.
שטילע, אומזיכערע טריטען שאַלען.
פלוצלינג שטיל.
בראָך — שאַרבען אָן אייזען.
שטיל יאָמערן.
טירען — אייזערנע טירען.

נאַכט.
ערגעצוואו,
אויפֿגעריסענע פֿענסטערקוואַרטירען,
קלאַפּען מיט ברעכענדיג גלאָז אָן זייערע ראָמען,
ערגעץ אין דרויסען, אפשר דאָ, דאָ איבער, אויף דעם העכסטען
[שטאָק אין שלאָס.
דורך אויפֿגעריסענע שויבען דינער רעגענגאָס.
די לייכטענדיגע טיר פֿון דער דערקענטניש איז נישטאָ אין שלאָס.

נאַכט.
און דער געדאַנק ווערט מיד,
און די מידקייט שלאָף,
און אין דרויסען טאָג.

שטן צופעליגקייט

★

ווי א געלעכטער דורך דעם קלאָגען פון א טונקלער יודישער לויה
פליהט דורך אמאָל דעם זין א שאַרפער געדאַנק:
שקר אַלץ, שקר, שקר!
און דאַן פאַלען זיי ארוים פון דעם וואַלד,
געדאַנקען, הונגעריגע וועלף,
און לויפען אום אין דעם שלאָפענדיגען דאָרף פון מיין נשמה,
זוכענדיג מיך,
און פון די באַהאַלטענסטע ווינקעלאַך פון דעם דערשראָקענעם דאָרף,
שלעפען זיי ארוים נאַקעטע, דערשראָקענע דערקענטנישען:
ווער ווייסט,
און אפשר ווען איך וואָלט געוואַקסען אין דער מדבר,
וואָלט איך געטרונקען פון א מענשליכען טשערעפ,
און איך וואָלט מיך אין מיין געצעלט פון לויטער טיגער־פעלען,
געריהמט מיט איין־און־צוואָנציג אָפגעהאַקטע קעפ,
און מיט זיבען לעבעדיגע פרויען, וואָס איך וואָלט ווי די הינד
[געפייניגט,
און איך וואָלט מיך א יעדע נאַכט מיט אַן אנדערער פאַראייניגט,
אַז גרוים זאָל ווערען, שטאַרק זאָל זיין מיין ווילדער מדבר־שטאַם.
ווער ווייסט,
און פון דעם זיין ביז נישט־זיין
פון מיין לייב און פון מיין גייסט,
איז נור א מידער קאַמף פון פאָטערליכען ווילען,
געוועזען צו דערפולען,
אָ ענפער, ענפער, ענפער מיר,
צי איז באמת אַזוי גאַנץ געפאַנגען מיין נשמה
אין דיין נעץ,

ש ט ן   צ ו פֿ ע ל י ג ק י י ט

לאַכענדיגע עלענדע צופֿעליגקייט!
פֿינסטערער ליץ!

דאָס שטילע דאָרף פֿון מיין נשמה וואַכט,
אין אלע פֿענסטער ברענען דערשראָקענע ליכט,
און איבער דעם מאַרק
רייסען וועלף זיך איבער נאַקעטע דערקענטענישען, —
און אויף דעם טיפֿען גרונד
פֿון מיין נשמה איז געוויין און יאוש.

ווי קאָן איך דען אויף אזא אָפֿענער וואונד,
ווי קאָן איך אויף אַזאַ גרונד,
זעצען דעם ערשטען שטיין פֿון דעם טורעם,
וואָס זאָל מיר געווערען דעם אויסבליק צו שטערען,
דעם אויסבליק אריבער דער גאַנצער וועלט?

דעם סטאָיקערס ליד

★

און איידער איך האָב נאָך די וועלט פאַרמאָגט,
האָב איך פון איהר מיך שוין אפגעזאָגט,
צו יענע וואָס לעכצען צו איהר, מיין פריינד.

און כ׳געה מיט די הענד אין די זייטען געשפאַרט,
און וויים, אז איינס איז, וואָס אויף מיר וואַרט;
דער טויט — מיין פריינד.
דער ליבער שדחן צווישען מענש און אייביגקייט.

כ׳האָב א בעט, וואָס צום שטאַרבען, גענוג איז עס ברייט,
און א קבר פון העלישען פייער איז גרייט;
דערווייל אָבער לעב איך אין טאָג אריין.

און גלייך אזוי געה איך, און ווענד נישט מיין בליק,
און פון אלע ברונענס ביים וועג טרינק איך גליק,
וואָס איך שעפ עס מיט מיין רוהענעם בעכער,
און שלאָף שעפ איך אָן מיר אַן עמער־מאָס,
און איך שלאָף מיך אויס אויף דעם גרינעם גראָז
פון מיין זאָרגלאָזיגקייט.

וואַסער־טרינק־ליד

★

קוואַלענדיק וואַסער, שטראַלענדיק וואַסער,
אָ קוואַל פון דער ערד, אָ שטראַל פון דער ערד!
אין זונענשיין אויפשיינענדיק,
זיבענפאַרביק, אויביק!
סע ציהט די נשמה דעם ריח איין,
און וויל איהם אין בלוט צעפירען,
זיבענפאַרביק איז דאָס קרישטאָל־וואַסער־גלאָז,
און פאַרבט דאָס בלוט מיט זיבען קאָלירען.

העלגרינע בענקשאַפט ציהט אין בלוט אַריין,
בלאָה־פאַרביגע האָפנונג שליסט די אויגען מיין,
געלע פלימפייערליך שלעפערן איין,
און לילאַפאַרבינער טרוים קומט אויף,
רויזפאַרבענע ליבע הילט איין, הילט איין,
און די ליפען מאַכען זיך אויף און קושען,
און קושען אומענדליך און זינגליך און רויט,
וואַסערס קרישטאָלענע פראַכט.

הויב אויף דיין גלאָז צו דער זון,
דו זוהן פון דער ערד,
טרינק ברודערשאַפט מיט דעם בוים מיט דעם פריינד,
וואָס ס׳פאַלט אויף איהם דערזעלבער זונענשטראַל,
וואָס טרינקט מיט דיר פון דעמזעלבען קוואַל.

אומענדליכקייט

★

אויף אלע וועגן געה איך צו דיר,
אומענדליכקייט, אומענדליכקייט.
אויס אלע וואַסערן הויב איך אַפּיר,
פאַרוואונדערטע אויגען און קוק נאָך דיר,
און טרינק מיך אָן מיט דער שפיגעלשיין,
און טינק מיך ווידער איין.

אויף אלע וועגן געה איך צו דיר,
אומענדליכקייט, אומענדליכקייט.
אין אלע גייסטער בלייב איך א ווייל,
און שיס אַרויס צו דער זון ווי א פייל
דורך דעם אויסגעשפּאַנטען בויגען,
דורך די ברעמען פון די אויגען,
און טרינק מיך אָן מיט גילדערנעם שטראַל,
און פאַל.

אויף אלע וועגן געה איך צו דיר,
אומענדליכקייט, אומענדליכקייט.
און וועל איך געבען אָפּ אמאָל,
נשמה־הויך דעם הויך דעם ווינד,
וואָס אויביג איז און וועהט
פון איין יאָהרטויזענד צום צווייטען,
וועט ער זי אויפהויבען, וועט ער זי טראָגען
איבער טאָל און באַרג,
און וועט זי ברענגען צום בלעטערוואַרק

אומענדליכקייט

פֿון אַלטע ביימער אין וועג,
און רוישען באַפֿרייט;
אומענדליכקייט.

איבער שטאָלץ

איראָנישער דיאַלאָג

★

סוף־זומער. ווייטע דאָרף־אַלעע. פאַר זונענפאַרגאַנג.
מיט העלע, ווייט־אָפענע אויגען געהט דער מאַן.
נעבען איהם געסטיקולירט דער נאַר.

דער נאַר:

ציה דיין וואָרט צוריק,
עס האָט צעריהרט דאָס פייער פון מיין שטאָלץ
און ס'קנאַקט אַצינד ווי טרוקען אָנגעצינדען האָלץ.
איצט איז קיין צייט מעהר נישט צוריקצוטרעטען,
איצט בויג זיך, קניה אויב דו ווילסט איבערבעטען!
עס ברענט דער שטאָלץ אין אלע צעהן פינגער,
בויג אָן דיך, רמז פון דעם קליינעם גייסט.
און ווילסטו נישט?! —
אַקעגען דיר בין איך גענוג נאָך שטאַרק,
איך פייערבאַרג!

דער מאַן:

דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, פריינד;
הער נאָכאַמאָל די ווערטער מיינע, הער באַהאַרציג זיי.
דער אינדיווידועלער שטאָלץ דאָס איז אַ זייפענבלאָז
אין אַ וואַסער גלאָז,
דאָס אָבער, וואָס מען רופט: נאַציאָנענשטאָלץ ביי אייך,
איז א גרויסער און פאַרפאַרבטער זייפענוואַסערטייך,
און אַלטע מענער, יונגע מענער, גראָהע, בלאָנדע, שוואַרצע ליגען
[אַרום איהם,

איבער שטאָלץ

און ראַיען, און בראָיען, און וואָיען,
האַלטען זיי לאַנגע, און געפּאַרבטע שטרויען,
און בלאָזען די שוימיגע כוואַליעס.
און דיינע ווערטער יונגער פריינד,
זענען ווייט פון דער פראַכט,
אַזוי ווי דער טאָג איז ווייט פון דער נאַכט,
אַזוי ווי אַ גאָרטען פון א קוילען־שאַכט,
ווי אײנער וואָס קלאָגט פון דעם וועלכער לאַכט.
נעם אָן מיינע ביידע הענד,
די מענשליכע, די געזונטע,
און צעהל דעם פולסשלאַג פון מיין בלוט.
ווי בין איך קיהל, ווי בין איך קלאָר,
זיבעציג, נישט וואָר?

דער נאַר:

יאָ, זיבעציג.
דורך דיינע ווערטער שטעכט די איראָניע,
פאַרלוירענע נשמה דו!
זעלישער גאַסען־רינען־שלעפּער!
אַכצעהן מיליאָנען שטימען אין מיין הייליגען האַרצענס־מקדש רופען:
צעריים דעם לעסטערער פון דיין דור!
און כ׳זאָג דיר: היט דיך היט!
דאָס פייער גליהט,
און שוין טריפען
פייער־טראָפען אין די אָדערן פון מיינע הענד!

דער מאַן:

יונגער פריינד!
די עפּעלביימער האָבען הייער

א י ב ע ר   ש ט אָ ל ץ

געוואָרפּען רייכע פרוכט,
דאָס ברויט איז ביליג,
איבערפול אַיעדען קלוגען מענשענס שייער,
און נאָך שיינט די זון,
ווי נישט אין אָסיען־צייט.
די שעהנע מיידלעך זענען עלטער מיט א גאָטגעבענשטען יאָהר,
און זענען אזוי שעהן געראָטען,
ווי די רויטע עפּעל דאָ אַקעגען־איבער אין דעם גאָרטען,
און כ׳האָב געהערט, אז דיכטער דוד קעניגסבערג
האָט צו דער וועלט אויך הייער ווידער,
געשיקט זיין איבערפולען האַרצענס גרוס
אין א נייעם בוך מיט וואונדערליכע לידער.
אָ — נאָך איז שעהן די וועלט און פול,
מיט יונגע מיידלעך וועלכע ברענען אין פאַרנאַכטען שטיל,
ווי דאָרפּישע פענסטער,
און מיט שוואַרצען ברויט, וואָס שטעהט געשטאַפּעלט ביי דער
[וואַסער־מיהל,
און מיט באַרען־אויבסט וואָס עסט זיך זאַפטיג זיס און קיהל,
און מיט לידער אין א וואונדערליכען סטיל.

ד ע ר   נ אַ ר :

(איז שווייגענדיג געגאַנגען;
און איידער די פאַרנאַכטיגע זון
האָט צו זינקען אָנגעפאַנגען,
און זיך איבער בערג און ימים ווייט פאַרקליבען,
איז זי אין זיין נשמה אויפגעגאַנגען,
איז ער מאַן געוואָרען און געבליבען.)

הימנוס צו דער רוסישער שפּראַך

☆

באַרגאַרויף, באַרגאַראָפּ, געהען דיינע ווייטע לאַנען,
און וויגען זיך אין בלאָע רויטע ווייסע בליהטען פול מיט אינערליך געזאַנג,
אָ, זיי דערמאַנען,
דער נשמה דעם געזאַנג.

מענש און וועלט־פאַרגעסען וועהט אויס דיינע רייכע קעמפּעס גראָז,
געליבטע רוסישע שפּראַך.
פון פרעמדער וועלט בין איך, און בין געגאַנגען אויף דיין ווייטען שליאַך,
וואַלד אויס, וואַלד איין,
און בין אין דיינע פּראַכטען אויפגעגאַנגען.

און אין דיינע גרויזאַם־לאַנגע ווינטער־נעכט,
אויף דיינע ווייטע, ווייסע שליטען־וועגען ווינטער־וועגען,
ווייסע ווינטער־לאַנען,
חלום איך די פייערדיגע דרייגעשפּאַנען,
פון דיין וועלטפאַרגעסענדיגער ליבע,
געליבטע שפּראַך!

פרוי מיט פינסטערע אויגען און שוואַרצע צעפּ,
איך בין א פרעמדער מאַן, און שטעה ביינאַכט אויף יענע טונקעלע טרעפּ,
וואָס פיהרען צו דיין ווילד געמאַך,
געליבטע שפּראַך!

הימנוס צו דער רוסישער שפּראַך

פֿרוי מיט פֿינסטערע אויגען און שוואַרצע צעפּ,
פֿאַר דיר פֿאַרנייגען זיך פֿיל שטאָלצע מענער־קעפּ,
אַנטפֿלאַמט אין ליבע אין די שטאַרקסטע מאַנעס־יאָהרען.

הימנום צו דער פֿראַנצויזישער שפּראַך

★

איבער די אַנטבלעטערטע בולוואַרען,
שטאַרען
די ביימער מיט געשטאָרבענע צווייגען,
ס'איז ווינד און נאַכט און שווייגען
ארום.
און נור אין ליכט פֿון יעדען צעהנטען שטראָז־לאַמטערען,
וואָס לייכטען זיך, ווי אין פֿאַרכמאַרעטע אָסיען־נעכט
זעלטענע שטערען,
ציהט זיך א שאָטען איין און אויס,
אין דער נאַכט.
איינער פֿון אַכצענהונדערט אַכט־און־פֿערציג,
און געהט גלייך,
ווי פֿיבערנדיגע דערמאַנונג.

קינדהייט ווערט וואַך...
מוטער, ווינטערנעכט, זיבענבענדיגע ראָמאַנען,
דיאַלאָגען שעפּטשענדיגע,
אומפֿאַרשטאַנען,
בענגשאַפֿט צו דער וויטער וועלט,
פֿרעמדע שטעט,
ליבע צו פֿרעמדע פֿרויען,
הענד פֿון וואַנדערער אין שטילען ליבע־געבעט,
איבערגעשטאַנענע תּפיסות,
פּוסטע תליות,
און פּאַטעטישע נביאות,
אויף דער וועלטבאַפֿרייאונג דורך רעוואָלוציאָן!

הימנוס צו דער פֿראַנצויזישער שפּראַך

בלאַנקבליצענדיגע טעאַטערזאַלען,
צאַרטע פֿרויענקעפּ
און זעקסשטאָקהויכע טרעפּ,
וואָס פֿיהרען צו קאַלטע זעקסקאַנטיגע מאַנסאַרדען,
און אויסגעקיהלטער רויך פֿון נערוועזע פּאַפּיראָסען.

קינדהייט ווערט וואַך,
יונגע פֿרויען,
חלומות פֿון פֿאַר דעם ערשטען קינד,
גי דע מאָפּאַסאַן,
חלומות פֿון פֿאַר דעם ערשטען קינד,
נישט דערלעבטע ליבע שפּינט,
דעם לעצטען שפּינוועב־שלייער.
נאָך רעדען אַנדערש די ליפּען,
די שפּראַך פֿון חלומות,
איידער עס וועט די ליפּען באַצווינגען
דאָס מאַמע־לשון,
מיט טרערען, מיט בלוט און מיט געשריי.

געליבטע שפּראַך דו, פּון אייראָפּאַס מעטראָפּאָלע,
דער שטן פֿון אַכצעהונדערט־אַכט־און־פֿערציג,
קושט דיינע זינדגעהילטע, זיידגעקיהלטע הענד,
געליבטע אייביג אַכטאונצוואָנציגיעהריגע.
אויף דיינע פּאַרפֿומירטע אַקסלען,
און אויף דיינע שלאַנקפֿריזירטע האָר,
ברענט דער קוש
פֿון די זיבענטויזענד, די געליבטע דיינע,
אויביג פֿאַרליבט
אין דיינע אַכטאונצוואָנציג יאָהר.

דאָס אייזאַמע ליד פֿון מײַן לעבען

צו זינגען מיט א מאָנאָטאָנעם ציגיינערישען סטעפּ־ניגון

★

צווישען לויטער קראַנקע איינער אַ געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, א ווילדע, אזא ווילדע פּיין.
צווישען לויטער וויינענדיגע איינער לאַכען
קעהר צו די אויסטערלישע זאַכען.
צווישען לויטער קלאָגענדיגע איינער זינגען,
אַז די אויסגעשפּאַנטע פּויקען־טאַצען זאָלען פּלאַצען,
און די זילבערנע קנעפּ זאָלען קלינגען.

נערוועען טאַנצען א טאַנץ ארום מיר, מוחות צאַפּלען, הערצער גיסען
זיך אוים:
מענער אין ווייבער־הויט, ווייבער אין מענער־הויט.
שרייען אין כאָרען: בראָ—אָ—ויט,ברויט!
און האָט עס דאָס ברויט, דאַן וויל עס מילך,
און האָט עס די מילך, פֿאַרלאַנגט עס נאָך פֿלייש,
און האָט עס דאָס פֿלייש, דאַן וויל עס דעם שם —
דאַן זינגט עס, און ס'איז א וויסטער געשריי —
נעם מיך אייביגקייט, נעם,
עס מיך אויף!

צווישען לויטער קראַנקע איינער א געזונטער זיין,
איז, זאָג איך דיר, א ווילדע, אזא ווילדע פּיין.
צווישען די אבלים — לאַכען — —
אָ, ווי טאַנצען די נערוועען־בערען א טאַנץ אין פֿאַרביגע בונטען,
איינמאל ארויף צו די הייכען אויבען, און איינמאָל אַראָפּ צו די
גרונטען אונטען;

דאָס אײנזאַמע ליד פֿון מײן לעבען

אָ דו געמײנער אכזר פֿון א גאָט!
אין אײן בינטעל פֿון די נערװען אזױ־פֿיל צער, אזױ־פֿיל לוסט,
און אזױ װײניג זינד, שולד, פֿאַרברעכען; דו אכזר פֿון א גאָט!

צװישען לױטער בלינדע אײנער זעהענדיג,
איז אױך מיר נישט א גליק,
צװישען אט די לױטער בערען טאַנצענדיג אױף נערװען־שטריק,
אײן ציגײנער — —
צװישען לױטער האַלבגעשטאָרבענע אײנער פֿול מיט לעבען,
צװישען לױטער בערען אײן ציגײנער
אײנער —

דזין, דזי — אין, דזין — בוך — פױקען די טאַצען און די
[קלינגערם קלינגען.

מאַניפֿעסט צו די גראַפֿאָמאַנען

★

ווער סע קען נישט מיטגעהן, דער איז קראַנק,
און ווער ס׳איז קראַנק דער זאָל עס אונז געזונטע זאָגען,
זאָל אויפֿזעצען זיך אויף א וואָגען,
און זאָל פֿאָהרען דורך זיינע קראַנקע יאָהרען.

ווער סע קען נישט מיטגעהן, זאָל זיך נישט פּלאָנטען פֿאַר די פֿיס,
דער זאָל נישט וויינען, זאָל נישט סאַפּען,
אַז ס׳זאָל דאָס האַרץ דאָס קראַנקע אין איהם קלאַפּען,
דער זאָל עס אונז געזונטע זאָגען,
זאָל אויפֿזעצען זיך אויף א וואָגען,
און דער זאָל פֿאָהרען דורך זיינע קראַנקע יאָהרען.

ווייל ס׳איז די צייט געגליכענט צון א וועג,
פֿון צווישען צוויי גוואַלדאָוונע, אויבינע שמעט,
וואָס איינע פֿון זיי איז דער עבר,
און איינע איז דער עתיד.
און אונזער מחנה איז געגליכענט צו דעם דור פֿון היינט;
און מיר געזונטע קלערען שאַרף און קלערען קלאָר,
און אונזער צייט געדויערט העכסטענס צוואָנציג יאָר,
און מיר זענען מחויב דאָך פֿאַר אונזער דור,
מקריב זיך צו זין.

און ווער סע קען נישט מיטגעהן דער איז קראַנק,
דער זאָל נישט רעדען און נישט וויינען באַנג,
און אונז נישט שטערען לאַנג,
זאָל אויפֿזעצען זיך אויף דער פֿיהר און פֿאָהרען,

מאַניפֿעסט צו די גראַפֿאָמאַנען

דורך זיינע קראַנקע יאָהרען.
מיר מענער אָבער, ווילען איינגעשפּאַנטע געהן און ווילען ציהען,
און נישט שפּאָרען ווילען מיר קיין מיהען,
מיר ווילען קעמפֿען און געווינען,
מיט דעם כלי־זין פֿון געזונטע פֿינעף זינען.

די וואָס לעזען נישט קיין לידער

★

ליבער איז מיר שוין דער מאַן, דער גייסטיג שוואַכער,
וואָס געוועלטיגט איבער א פּאָר האַרטע, מוסקוליאַרנע הענד,
און געוועלטיגט איבער נײַנציג האַרטע יאָהר,
און איבער מחנות ווילדע שקצים און געזונטע שיקסעס, ביז צום
[פֿערטען דור,
וואָס איז אַן אַרבעטאָרער אין אַ שטיינבראָך,
אָדער פֿערדקנעכט אין א גרויסען גוט.

ליבער איז ער מיר, ווי דער קראַנקער למדן, וועלכער גריבעלט איבער
[אַלטע ביכער,
היינט האָט ער אלע וועלטענרעטענישען אויסגעלייגט,
און מאָרגען איז ער מיט זיין אייגען ווערק נישט זיכער.
און איבער זיינע אַכט־און־צוואָנציג יאָהרען
ליגט אַ שאָטען פֿון דעם טויט,
און מיט ציטערדיגע קלוגע, קראַנקע פֿינגער
פֿיהרט ער אומעטיג צום מויל דאָס דינע ברויט.
און קען די פרויען נור פֿון מילדע דיכטערס לידער,
נישט פֿון זיין אייגען שטרויען נאַכטגעלעגער;
אוז איז א צערטרעגער
פֿון קולטור, פֿון עטהאָס, גייסט און פֿון באַצילום פֿון דער לונגענקרענק.

דאַפֿאַר איז ליבער מיר דער מאַן, דער גייסטיג שוואַכער,
וואָס אַרבעט אין א שטיינבראָך, אדער היט
אַ סאָד פֿאַר נאַכטליכע גנבים,
אָדער איז א שטאַל־יונג ביי די סוסים אין אַ גרויסען גוט.

די וואָס לעזען נישט קיין לידער

אָדער גאָר א רויער, רויטער רייטער
אין די באַפרייער־אַרמעען
פון דער רוסישער סאָוויעטען־רעפובליק.

הימנע

★

מענש!
נאַקעט געזאַנג פֿון מיין נשמה׳ס טונקעלסטער טיף,
וואָס שטרעבסט אַפּיר צום ליכט,
שימערסט מיר אַקעגען ווי דער האָריזאָנט
אין די לבנה־נעכט,
האַרליך, כשופֿדיג און אומבאַקאָנט!
מענש, איך זינג א שיר־השירים הויך,
א שיר פֿון ליבע
צו דיר!

זעה, און האָב מיך ליב;
איך האָב זיי איינס אויף איינס
געוואָרפען די געהייליגטע געצען,
אויף מיינע וועגען צו דיר פֿאַר די פֿיס;
כ׳האָב קיינעם מעהר נישט ליב, נור דיך!
עס זענען די וועגען מיט געצען־שטיין־שטויב
אָפּגעשיט,
ווי מיט בלומען, פֿאַר דיין לויב!
אָ, ווי האָב איך פֿריידיג, מיט זיכערע שנית,
די עבר־פֿעדעם פֿון גייסט צעשניטען,
מיט לייכטען האַרץ;
פֿאַר דיר, צו דיר!
אַזוי ווי עס שניידט דער געפֿאַנגענער אָפּ
דעם שטריק, אויף וועלכען ער האָט זיך אַראָפּ־
געלאָזט פֿון דעם תפיסה־פֿענסטער.

הימנע

וואָס איז מיר מיין פֿאָלק, וואָס איז מיר דער גאָט;
פאָלק שליידער איך אויף רעכטס, גאָט שליידער איך אויף לינקס,
און אייגען גליק אונטער די פיס,
און אויף ליפען דערהויבענע גרים,
אַזוי געה איך אַנטקעגען דיר,
מענש!

און די בוימער בויגען זיך, און די בלעטער זינגען,
און די זון געהט אַקעגען, און איהרע שטראַלען קלינגען,
און די ליבע לייכט מיט א שטראַלען־ראָד,
און פון דערווייטען שוין הער איך די שטאָט:

נאַקעטע, האַרליכע, נייע מענשען־שטאָט.

ד ע ם
לעסטערער׳ס
ל י ד ע ר

דעם לעסטערער׳ס ליד געגען דעם גאָט

★

דיר דערווידער, דיר דערווידער!
און די ווערטער טאַנצען מיר פֿאַר פֿרייד אין מויל,
און איך וואַרף זיי, ווי א זיבענפֿאַרביגע קויל,
פֿאַר די פֿיס דיר,
געגן יהוה!

דיר דערווידער וויל איך מיך אומענדליך פֿרייהען,
מיט דעם גאַנצען בלאָהען הימעל, און מיט יעדער קרעאַטור,
דיר דערווידער וויל איך לאַכען, לאַכען גאָר,
דיר דערווידער!

דיר דערווידער און אקעגען,
וויל איך קיינעמען נישט פֿרעגען,
און נישט קלערען פֿון קיין טויט,
כל־זמן ס׳בליהט אויף ביימער צוקער
און עס וואַקסט אויף פֿעלדער ברויט.

דיר דערווידער וויל איך לעבען
ניינציג יאָהרען, אפשר מעהר;
און אַ טרער
זאָל קיינמאָל נישט אויף מיינע באַקען קומען.

דיר דערווידער, דיר — דערווידער!
אַזאַ וואָרט, אַזאַ מין וואָרט —

דעם לעצטערס ליד געגען דעם גאָט

שרייען שרייט עס אויף מיט לידער,
און די לידער שטעהען אויף,
ווי די הינד, די יונגע און קודלאַטע הינד,
דיר דערווידער!

טאָלסטאָישע אידיליע

סאַטירע

★

אויף אלע וועגען צלמים פון האָלץ,
אויף יעדען צלם דער מלך מיט דער דערנערקרוין;
דער מוטער מרים׳ס בילד אויף יעדען צעהנטען בוים,
און דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט,
מיט יעזוס לויב אין אויביגקייט.

און פון דערווייטען קריכט די פעסט,
דורך בלאָטיגע און וואַלדיגע וועגען;
ווי ס׳קריכט א יאַשטשער פון זיין נעסט,
דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט,
מיט יעזוס לויב אין אויביגקייט.

און אויף די גרעניצען איז קריג,
די כוואַליע פון בלוט געהט אוועק אַהין,
דאָרט שטאַרבען בלוטיג די בעסטע זיהן,
דאָס פאָלק באַגריסט זיך פון דער ווייט,
מיט יעזוס לויב אין אויביגקייט.

און אַלע אויגען זענען בלאָה,
פול רוה דאָס ליידענדיגע בלוט,
און ביי די קניה׳ס דער דאָרפישער הוט.
— געבענשט זאָל יעזו־קריסטע זיין!
אין אויביגקייט אמן.

עולם־הבא

★

אָפּטמאָלס דערקען איך עס, אָפּטמאָלס צערפּאַלט
דאָס בלוטיגע לעבען, דאָס לייבליכע ליים,
און די געדאַנקען צערפּאַלען ווי שטויב;
גייסט געהט אַהיים און לייב געהט אַהיים,
און מיין איך בלייבט אַ יתום,
פאַרטרוקענט עס ווי אַ פליג אויף דער וואַנד.

אָהן פאָטער גייסט, אָהן מוטער בלוט.
גייסט געהט אוועק און לייב געהט איין,
און פון די אויגען לעשט אויס די שיין,
דורך הונדערטטויזענד הויטמיילער רעדט,
דער טויט, דער פלינקער שד.

עולם־הזה

★

אָ לאָז מיך דאָך זינגען אויך איינמאָל צום לעבען,
אַ ליד פֿון די נאַקעטע נערוועז,
פֿון די אָדערן איין ליד, פֿון די ווערעם איינס,
וואָס שטעקען די גליטשיגע קעפּלעך אַפֿיר,
אַפֿיר פֿון דעם מענטעלע: זינען —
די ווייבער דעם מאַן, די מענער ווילען דאָס ווייב געפֿינען,
איינמאָל א ליד אויך פֿון אמתן עקעל.

אָ לאָז מיך דאָך זינגען איינמאָל צום לעבען,
אַ ליד פֿון דורכבליקען, א ליד פֿון דערקענען,
אַ ליד פֿון די נאַקעטע ווענען;
זיי זענען דאָך, זענען דאָס לעבען, און מעהר נאָך, זיי זענען
די קוואַלען פֿון געטליכען גייסט.
ווייל געטליכער גייסט איז א בלימעל ביים ברעג,
פֿון שטינקענדיגע טייכען פֿול בלוט.

יהוה

★

ביזט נישט געוועזן, ביזט נישטאָ און וועסט נישט זיין!
דער אום־שכל האָט אויסגעשפינט דיך פון אַ הוילער שיין —
און אויסגעשטרעקט דיך איבער מענשעז ווי אַ נעץ — דו געץ!

פאַר מיינע אויגען ליגסטו אומפאַרהילט און אומפאַרשטעלט,
און כ׳זעה אין דיר אַ שטיין אין גרינעם גאָרטען וועלט;
און כ׳שליידער דיך מיט מיינע פיס ארויס.

ביזט מאַכט־רמז, און שמעריץ דיין לוסט, ביזט ביז צו דיינע טיפע
[שלעכט,
האָסט אויסגעלאָשען אין די הערצער אמת רעכט;
איך רייס די בלעטער מיט דיין שם ארויס פון לעבענס־בוך.

דרייטויזענד יאָהר

★

דרייטויזענד־יאָהר און אומגעצעהלטע דורות,
זענען געלעגען אין שטויב פאַר דיר,
יהוה.
און זייער בלוט האָב איך אין מיינע אָדערן!
שווער פליסט די טונקעלע ירושה
ווי דאָס שחיטה־בלוט
פון וואונדען וועמענ׳ס רויטע שטראַלען לעשען שוין.

און איך — אָט האָב איך אויסגעגאָסען דאָס באַנגאָטישע בלוט,
פון מיין נשמה׳ס מעטאַלישען כוס.
דאָס בלוט פון אומגעצעהלטע דורות,
צוזאַמען מיט דיר, יהוה, וואונדענבלוט פון דער וועלט.

און כ׳בין געבליבען מיט לויטער געדאַנק,
קאַלט און קלאָר,
און בין אַן אייזערנער ריגעל,
אַן אייזערנע פאַלטיר פאַר אַלדי דרייטויזענד יאָהר.

הייגט־נאַכט, אַ נאַכט אין דער פרעמד,
די ערשטע, די שטילע לבנה־באַגלאַנצטע
פסח־נאַכט.
דער ווינד וואַרפט מיין פענסטער אין א שטילען פיבער,
און די נאַכטליכע שטראַלען קלינגען אַן איהם,
סע וואַרפט די נשמה, וואַרפט דעם געדאַנק,
אריין אין א שטילען פיבער —
און דערמאַנונגען קלינגען אַן איהם,

דרײַטױזנטער יאָהר

אַזױ װי שריט פֿון טונקעלע שטיבער,
און א שטורם כאַפּט זיך אויף,
שטאָלץ און זינגט אויף,
אין מיטען דער נאַכט:

דורות אומגעצעהלטע,
יאָהרען דרײַטױזענד
שװערע, שװאַרצע בלוטענדיגע,
אײנטױזענד, צװײטױזענד דרײַטױזענד יאָהר.
דורות זענען שװער און שװאַרץ און בלוטענדיג געװעזען
און דו ביזט נישט דער קומענדיגער דור, און דאָס איז קלאָר —
און דו, — דו ביזט דער שטאָלצער און דער ערשטער פֿון א נײעם
[דור.
װאָס קײנער װײסט נאָך נישט, װאָס ער װעט זײן,
און יעדער װײסט, אז ער װעט אײביג זײן.

אין שטורם

פרייהייטסגעדאַנק

★

אָן אלע געדאַנקען איז ער די שיין,
דער ווילען צו פרייהייט, דער ווילען, דער אָדלער.
אָן אלע געדאַנקען די ביימער אין גאָרטען פון גייסט,
איז ער די ציר פון פרילינגישער בליהט.
אָן אלע געדאַנקען, די וואָלקען וואָס ציהען,
אַריבער דעם הימעל פון וויטען געמיט,
איז ער די פלאַמיגע שיין פון דעם מזרח —
און ציהט זיך דורך אלע לידערס געזאַנג,
אזוי ווי דעם פאַסטוכס וויטע פלייט,
אין פרייהייט און אין אייביגקייט.

פרייהייטגעניוס

★

געליבטער יתום אונזער קינד,
וועק אויף דיינע שוואַרצע אויגען אַצינד,
העל פלאַטערן דיינע האָר אין דעם מערצענעם ווינד!

הויב דיך אַרויף אויף דעם שטאַרקסטען געביי,
היינט איז דער יונגסטער טאָג: פון דעם וועה;
ס'טאַנצט איבער דער שטאָט שוין דער יונגער ווינד.

ציה אויף דאָרט די פאָהן אויף דעם הויכען טורם!
זאָלען די גלאָקען אויפזינגען: שטורם — —
זאָל זי פלאַטערן רויט אויף דעם מערצענעם ווינד.

און א פאַקעל צינד אָן, און צינד א נטער די קלאָג,
זאָל זי אויפלייכטען הויך ווי דער ערשטער טאָג:
זאָל זי פלאַטערן רויט אין דעם יונגען ווינד.

הער, איבער דער שטאָט הויבט אויף זיך אַ ליד;
העכער און העכער — הערסט ווי עס ציהט,
קלאַנג איבער די סטרונעס, די סטרונעס פון ווינד?

געליבטער יונגער פון אונזער מיט,
פאַרקינדיג א פרייליד שפרעך הייליג דאָס בלוט,
שפרעך פריי דעם גייסט!
דאָס ליד גיב איבער די כוואַליעס פון ווינד.

האַלבנאַקעטער געניוס, הייליג דערקענט.

פֿרײַהײטגעניום

מיר װעלען דיר קושען די שװאַרצע הענד — —
פֿיחר אונז אנטקעגען דער פֿרײַהײט, קינד!

די גלאָקען זינגען, דער טורם איז אַ סנה,
רויט פֿלאַטערט ער שטורעמדיג איבער דעם װעה;
און צינדפֿאַקעלם שיקט ער אין לאַנד אַרײַן.
זינג אויף: אין לאַנד אַרײַן —
אויף אלע פֿיר זײַטען פֿון מערצענעם װינד.

דאָס ליד פֿון דער יוגענט

★

איין ווילען האָב איך, און דער ווילען פֿלאַקערט.
איין געדאַנק ברענט אין מיין יונגען זין;
איך בין
געבוירען צו ליבע פֿאַר מיין געליבטער,
פֿאַר מיין געליבטער דער נאַקעטער, ווילדער פֿרייהייט.

איין שטאַרבען קען איך, הויב אויף אַ געזאַנג!
מיט נאַקעטע ריפען אַקעגען דער שפּיז,
אָ, ס׳איז
פֿאַר דער פֿרייהייט, דער יונגער, דער נאַקעטער!

לעצטע נאַכט אין די קאַזאַרמעס

★

איך גרים דיך געפֿאַנגענער אויף די שוועלן,
פֿון דער געפֿענגניש־מויער!
איך גרים דיך פֿרייער, קום, לעהן צו דער קאַלטער ערד דיין אויער
און הער, ווי עס שפרינגען די קייטען פֿון לאַנד
פֿאַר אונטערערדישער היץ.

איך גרים דיך פֿרייער! די נאַכט איז פֿול טרויער,
און איבער די הייזער אָסיענדיגער נאָס,
ברעך אויף דאָס שלאָס און די מויער פֿאַרלאָז,
און צינד אונטער דעם שווערן, דעם הילצערנעם טויער.

איך גרים דיך באַפֿרייטער, קום ווועלן מיר היינטיגע נאַכט
וועקען פֿון טויער צו טויער, פֿון פֿענסטער צו פֿענסטער, מויער צו
[מויער, היינט אין דער נאַכט דערוואַכט
די געפֿאַנגענע וועלט.
קום כל־זמן דער ווינד זינגט אויף רעגען־סטרונעס,
קום כל־זמן סע ברומען די בלעכערנע רינעס!

און אַז אין דער פֿריה וועט דער טורעם־וועכטער,
מיט מעשענעם האָרען פֿאַרקינדיגען: ליכט!
צו דער אַרבייט, אַרבייט, פֿוילע קנעכט!
דאַן וועלען מיר לאַכען געדעכטען געלעכטער,
און מיטלאַכען וועלען געפֿענגניש־מויערן,
מיט ברייט־געעפֿענטע מיילער־טויערן.

ליבקנעכט

★

אַרום מיר איז פעלד, און די שטאָט איז ווייט,
ערשט האָט די נאַכט איהר טונקעלען פליגעל אויפגעהויבען,
דער אויר איז בלאָ אײנגאַנצען,
כ'הויב אויף מיינע הענד, און די קייט
פאַלט שווער אויף מיין דערהויבענער ברוסט,
און איהרע שטאָלערנע רינגען גלאַנצען
מיט קלאָרען בלאָ.

איך בין דער ערשטער, וואָס קומט באַגריסען די שעה
פון גייסט־דערוועקונג.
כ'הויב אויף די הענד מיט די שטאָלערנע רינגען,
אַ רמז דיר געפאַנגענע וועלט!
און מיינע דורכגייסטיגטע בלוטען זינגען,
אַ ליד וואָס הויבט אויף די זון פון איהר נאַכט,
און וועקט דעם פרייהייטס־טאָג,
העכער און העכער, ליכטיגער, ליכטיגער;
און כ'טהו מיט די רינגען אַ זיכערען שלאָג,
און זיי שפּרינגען.

איך בין דער ערשטער, וואָס איז געגאַנגען,
דער פרייהייט אַקעגען,
צום שטיין פון קרבנות
אַקעגען,
דער ערשטער אַנידערצוּלעגען
דעם ווילדען קאָפּ פול מיט ווילדען עקשנות
אויף איהם.

1915

גאַווריל אַ פּרינציס

*

יונג לעבען בין איך, אַכצעהן פריהלינגען
האָבען געבליהט דורך מיין גייסטיגען גאָרטען,
אַכצענמאָל האָט שוין דער מערץ געזונגען
מיט פריההייטלידער אויס מיינע צווייגען, —
און אויף די כוואַליעס פון פאָלקסבלוט און טרערען,
און אויף די כוואַליעס פון פאָלקסבאַנגערען
בין איך אַ לייכטע זעגעלשיף. —

כ'בין אַ ווישגעזאַנג פון שטורמדיגע בלוטען,
און ס'האָט דעם גורל'ס בלינדער וואָרף
מיין מזל איבערגעשניטען;
זינט דעמולט האָב איך געזוכט איהם,
ביז איך האָב איהם געטראָפען אינמיטען
אַ יום־טוב, אינמיטען מיין אייגענער שטאָט.
און מיר זענען ביידע גע'מקריב'ט דעם טויט!
דעם קעניגס בלוט וועט צוגיסען זיך רויט,
און מיין בלוט וועט אויסגעהן ווי ליכט אין דעם וואַסער,
די ביינער פוילען ווי האָלץ אין דעם רעגען,
די אויגען פאַרלעשען ווי אָפּיענטעג.
איך געה א גלייכען און לייכטען וועג;
די שריטען וואַנקען נישט, און די הענגה, די הענד
האָב איך גאָר איינמאָל צון איהם געווענדט.
זינט דעמולט דערטרעגנך איך אין לויטער קייטען —
אָ שטאָלערנע קייטען! איך האָב זיי פאַרטאָג,
אויף דעם לעצטען גאַנג דורך דער טויטער שטאָט,
אויף דעם לעצטען גאַנג פאַר מיין ווייטען טויט,

גאַווריל אָ פּרינצים

גערהויבן אין ליכט אַריין זוניג און לייכט;
זיי האָבן געבליצט מיט בלוטיגען רויט,
די בלאַנקע, די שטאָלערנע, הערליכע רינגען — —
וואָס וואָלטען געוועזען מיין מוטערס שטאָלץ.
יאָ, דעמולט האָב איך געקאָנט נאָך זינגען! —

היינט אָבער געהט נאָך אַ רויטער ליד
אוים די חורבות פון ניינצעניעהריגע לונגען,
אוים דעם האַרץ פון אַן אַלטער תפיסה.
איך שלאָף נישט ביינאַכט און עס קומען די ווענד,
און ציהען זיך ענגער, און ענגער צוזאַמען,
און איבער מיר ערד און אונטער מיר ערד.
כ'הער אוים איהר דאָס געוויין פון מיין יונגער געשטאָרבענער מאַמען,
און שטאַרב דאָ אין איינזאַמען
טויט.

און נישט די פרויען געדענקען מיין בלוט,
וואָס האָבען געטרונקען עס אין דער ליבע,
און נישט די מענער ביים בעכער וויין,
און נישט דער פאַסטוך אויף דעם יונגען, דעם נאַקעטען פערד,
און נישט די האַלבנאַקעטע טענצערקע,
ליינדענשאַפטפאַרהילט, טאַנצענדיג אין גלאַנץ,
ביים לעצטען אויפשריי נאָך דעם ווילדען טאַנץ.

בייטאָג ליג איך מיד אויף דער ערדענער בריק,
ציהט דער גייסט פון דער ערד אין מיין בלוט אריין,
און דער גייסט פון לעבען אין דער ערד אַראָפּ.
און ביינאַכט הויב איך אויף צו דעם לעצטען שטראַל,

נ אַ ו ו ר י ל אָ פ ר י נ צ י פּ

דעם טונקלען, דעם מיידעלנעליבטען קאָפּ —
ציהט אַ בילד פֿון ליבע און פֿון פֿעלדער ווייץ,
און איך שטרעק מיך אין צער ווי דער מאַן אויף דעם קרייץ —

די אידעאַליסטען

★

די לעצטע צום לעבען זענט איהר, און צום שטאַרבען די ערשטע;
זאָל די געשטאָרבענע לייכט זיין די ערד! —
און לייכט זאָל דער הונגער די לעבעדיגע זיין!
און הויך זאָל לייכטען, און שטאָלץ, דער שטערען פון פיין,
אויף יונגע שטערענס, אויף יונגע שטאָלצע שטערענס!

אָ — איך קען אייך, איך קען אייך;
איך האָב אייך געזעהן אין רעגענדורכגעטריפטע נעכט
איילען מיט אַ לעצטען גראָשען און אַ לעצטען כּיסען ברויט צו
[אַ קראַנקען חבר,
כ'האָב אייך זיצענדיג געזעהן דורך נעכט אין שפינפאַרוועבטע
[ווינקלען,
און חלומען חלומות פון שטערענהעלער ליבע.
איך האָב אייך געזעהן אין אָסיענגעכט שלאָפען,
פאַרטוליעט אין אַ גאָרטען אויף אַ נאַסער באַנק,
איך האָב געלעזען אייערע שלעכטע לידער, און געהערט אייער
[פאַלש געזאַנג;
און אייער התלהבות האָט דאָס האַרץ אין מיר צערשניטען,
און כ'בין געפאַלען אַוואו איך בין געשטאַנען, מיטען
אונטער אלע — אויף דער ערד פאַר אייך,
ווי אַן אָפּגעזעגטער בוים,
ווי געצלמ'ט צו דער ערד;
און כ'האָב דעם שטערען איינגעגראָבען אין דעם שטויב,
און אין היסטערישע כוואַליעס טרערען האָט געזונגען מיין נשמה
אייער לויב!

די אידעאַליסטען

אָ — איך קען אייך, איך קען אייך,
איהר קרבנות — דריימאָל הייליגער ווי די טויבען אין דעם כהן־גדולים פֿעטע הענד,
ווייל איהר האָט אייער שליחות דערקענט,
און זענט געגאַנגען אויפֿגערעכט, און געבעטען, אַז דער גורל זאָל וואָס גיכער
פֿאלען איבער אייך.
איהר זענט געגאַנגען צו די תליות מיט געזאַנג,
און זינגענדיג געשטאַנען פֿאַר די ליופֿעס וועלכע בליצען בלאַנק
מיט א קורצען שאַרפֿען פֿייער — —
און אייערע הייליגע לייבער זענען געפֿאַלען,
און אייער בלוט,
האָט זיך פֿאַרגאָסען דורך די לעכער פֿון אייער אָרים קלייד,
אונטער וועלכען איהר האָט פֿאַר אָרימקייט
נישט קיין העמד געטראָגען, — —
און געגאַנגען זענט איהר צו אייער נאָמענלאָזינקייט,
דריימאָל הייליגער ווי די טויבען אי דעם כהן־גדולים פֿעטע הענד.

פֿאָלקס־פֿירער

★

פֿון מאַמעס וואָס זענען פֿינאַנדערגעפֿאַלן,
ווען ז'האָבן צום אַכטען־מאָל דאָס קימפּעט געהיט,
זענט איר אויף דער וועלט געקומען,
געצויגען און געצויגען פון טרוקענע ברוסטען וואַסערדיגע מילך,
און אַז די ברוסט פֿון אייער מוטער איז אראָפּגעהאָנגען שלאַף,
האָט איהר די קעלט געזויגען פֿון געשוואָלענע און דינע פֿינגערלעך.

איר זענט געבוירען
פֿון טאַטעס, וואָס זענען צוזאַמענגעבראָכען,
ווען ס'איז צום אַכטען־מאָל די זאַלציגע רוט,
די רוט פֿון דערציהונג, אַפּירגעקראָכען
פֿון זייערע טרוקענע הענד
און אויפֿגעהאָנגען זיך איבער אייך —
איר — קומענדיגע וועלט־באַצווינגער!
(זיי האָבן פֿאַר צער געריכערט בוקאָווע בלעטער
און געטרונקען ניין־און־ניינציג־גראַדעדיגען אָקאָוויט.)

געפֿרוירען־געבראָכענע פֿענסטער־שייבלעך, לעכערדיגע שיך,
דין־העלזעריגע פֿריינד, און אין דער טונקעל אַ צי
פֿון אַ פֿרעמדען, נישט דעררויכערטען פּאַפּיראָס, און אָנאַני —
אומענדליך, נעכטליך, טויצענווייז, חידושמדיג, —
און אָפּגעוואַרט
האָט איהר די קינדער־יאָהרען ביי אַ באַן, און האַרט
פֿאַרדינט אַ דרייער ביי אַ פֿרעמדען סוחר פֿאַר די שווערע פעק,
און דאַן האָט איהר געקויפט אַ מעשה־בוך אייך, פֿול מיט וואונדער
[און מיט שרעק;

פֿאָלקס־פֿירער

איז דאָס געווען דער טרוים פֿון אייערע קינדער־יאָרען,
וואָס זענען אומדערפֿילט, אומאויסגעלאַכט, אָן ווידערקעהר אַוועק.

און דרייצען־יעריג שוין אין פרעמדע שטעט,
דורך טונקעלע פֿאַרבלאָטיגטע נעכט, דורך שכור׳ע זעלנער,
פֿון בעלי־בתים געברענט, פֿון בעלי־בית׳טעס געבראָטען,
וואָס האָבען מיט אַן אייביגען חשד
אויף אייערע ערליכע, הונגעריגע, מידע הענד געקוקט.
און דרייצען־יעריג זענט איהר שוין אריינגעטראָטען
אין סעקטען, קאָנספּיראַציעס און פֿאַרבאָטענע בראָשורען,
און אייביג דיסקוטירען,
אַזוי האָט זיך אַריינגענאָגט די שלאַנג פֿון אומרחמנות,
פֿון צעטרעטען און פֿון אויספֿיהרען,
און געוואַרט האָט איהר ביים האַרטען ביסען ברויט,
און ס׳איז אייך נאָנט אזוי געוואָרען חבר טויט,
אַז ער פֿלעגט קומען אָפּט,
קומען און אַוועקגיין אומפֿאַרהאָפּט,
און צוזעצען זיך אויף דעם בעט,
און קרעכצען מיט אייך, לאַכען מיט אייך, ביי אַ שאַרפען ציגאַרעט;
און האַלב אין טורמעס, האַלב אין קעלערס און אַמאָל אויך אין דער
[פֿרעמד,
תמיד ביי דעם לעצטען ביסען ברויט, תמיד אין דעם איינעם,
שוואַרצען העמד.

ביז — —

געקומען איז די צייט!
און אַז די כוואַליע האָט אַריינגעריסען טיף אין פֿאָלק,
האָט עס ארויסגעשליידערט אייך
צו טורעם־שטורעמדיגער הייך.

פֿאָלקס־פֿירער

און אַלצדינג איז געוואָרען אייער ווילען,
ווי אַלצדינג איז געוועזען איינמאָל אייער צער.
און ס'האָבען זיך צעלאָזט אַווטאָמאָבילען
איבער לאַנג־געשטרעקטע וועגען אין דער נאַכט.
דער ים האָט דערוואַכט
און אויפֿגעהויבען שטאָלץ די כוואַליעס זיינע,
צו טראָגען איבער אַלע ים'ען
די שיפֿען מיט דעם רויטען שטערן פֿון דער יונגער וועלט־
[גערעכטיגקייט.
און ס'איז דער זאַמד אין דער מדבר גרייט,
און האָט זיך אויפֿגעהויבען רעדער־דרייענדיג און ברוין, קודלאַטע.
[ווי אַ ווילדע חיה
צו אייער באַפֿעל,
אין די פֿאַבריקען גליט דאָס אייזען און מאָלט זיך אין די מילען מעל.
און זעלנערס גייען אָפּ אין טונקעלע וואַגאָנען, צו וואַרפֿען זיך פֿאַר
[אייך אין פֿייער,
און אין די שטיבער קרעכצען די בירגער: באַדריקער! —
און דאָס פֿאָלק שרייט אויף די גאַסען: באַפֿרייער!
און די וועגען פֿאָרען, די פֿאָנען פֿלאַטערן, די רייטערס רייטען,
און צוואָנציג־טויזענד שרייבערס גרייטען
די אָרדנונג פֿון דער נייער וועלט.

ווייל ס'איז געשעהן דער ווילען פֿון דער וועלט,
און געבענשט איז דער פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק, וואָס האָט זיך מיט
[צוויי פֿיס אין אים אַריינגעשטעלט,
הויך, איבער אַלעמענס קעפּ,
און קאָוועט אוים אין אייזערנעם טשערעפּ,
די אייזערנע יסודות
פֿון דער נייער וועלט!

פֿאָלק

★

מיר אָרעם פֿאָלק,
מיר ליידענדיגע,
מיר פֿרויען, שוואַנגערע, קראַנקהאַפֿטיג מיט רויט־צעגליהטע באַקען,
בית־הקברות־רויזען,
אונזערע לאַנגע צעפּ קריכען אויס פֿון טאָג צו טאָג, נאָך פֿאַר די יאָהרען,
אָ, מיר זענען יונג נאָך — דרייאונצוואָנציג,
און אונזער מוטער־לייב פֿאַלט אַפּיר פֿון הונגער און פֿון שוואַכקייט,
און אונזערע ליידיגע בריסטען לעכצען,
און אונזערע קינדער קרעכצען
אָהן טרערען,

מיר פֿאָלק,
מיר אָרימע, אַלטע גראָהאָריגע מענער,
אונזערע ביינער זענען לאָקערע, ווי אַלט קליידערוואַרק,
אונזערע האַלבגעלעמטע פּנימער ווייגען פֿאַר שרעק,
און אונזערע אויסגעטרוקענטע פֿרויען האָבען וועניג יאָהר צו לעבען נאָך;
מיר ווילען זיי די אָרימע פּרנסה געבען,
מיט די מאַזאָליעס פֿון אונזערע הענד,
און מיט די לעצטע בלוטיגע שמאַטעס פֿון אונזערע לונגען;
וואָס איז אונז פֿאַרמעגען, וואָס איז אונז די פֿרייהייט?
מיר ווילען פֿאַרקויפֿט זיין, פֿאַרקויפֿט און פֿאַרדינגען,
מיר ווילען רוה, ברויט און אַ געלעגער פֿאַר די פֿינעף שעהן פֿון אונזער נאַכט.

פֿאָלק

מיר אָרעם פֿאָלק,
מיר קליינע קראַנקהאַפֿטיגע קינדער;
אונזערע העלזעלעך זענען דין, באַצויגען מיט אַ הייטעל דורכזיכטיג
[און ווייס,
און האַלטען קוים די שווערע לאַסט פֿון קינדערישען קאָפּ,
וואָס בויגט זיך שוין באַצייטענס אויף אַ זייט, מיט צוגעמאַכטע
[אויגען.
מיר ווילען מילעך, מילעך; ווילען עפּעל רויטע,
ווילען גרינע גערטען, און ווילען אַז די מאַמע
זאָל נישט שעלטען ווען מיר בעטען ברויט,
און ווילען אַז דער טאַטע זאָל נישט שלאָגען אַז די מאַמע שעלט.

און איהר,
איהר בעסטיען, האַרשזיכטיג און בייז,
אייערע קעפּ רייסט עס צו קרוינען,
צו סצעפּטערס רייסט עס אייערע הענד,
געוועלטיגען ווילט איהר —
איבער לענדער, איהר וואָס האָט נישט גאָט אין האַרצען,
איבער פּאַרטייען, איבער הונדערטטויזענד־קעפּיגע עסיפות,
אין גאָלד באַטרעסטע שטיבער, ביי רייכע מאָלצייטען,
וויוואַט־געשריי, ציימונגען־לויב,
איהר בלוטיגער שטויב:
איהר מאָנאַרכיסטען און איהר באָלשעוויקען,
דעמאָקראַטען, אַנאַרכיסטען און רעפּובליקאַנער,
מיר ווילען נישט אייערע גליקען
פֿון די רויטעסטע און גאָלדענסטע פלאַקאַטען,
איהר צופֿרידענע סאָציאַלדעמאָקראַטען,
איהר זענט פֿאַרבלענדט און ווילט נישט זעהען,
ווי אונזערע מוטערלייבער פֿאַלען אַפּיר פֿאַר הונגער,

פאָלק

אונזערע האָר זענען ווייס,
אונזערע ביינער פּאַלען ווי אַלטע קליידער פונאַנאַנד,
און אונזערע העלזער האַלטען קוים די לאַסט פון שווערען קינדערי-
[שען קאָפּ.

מיר אָרעמע, גערעכטע
גערען איבער אַלע טעג פון אונזער לעבען,
ווי די קראַנקע הינד דורך טומעלדיגע גאַסען,
ביים לעבען פאַרגעסען, ביים טויט נישט געדענקט,
דורך לעבענס פאַרגעסען צו ווערימס-צערפרעסען,
אין שוואַרצער ערד.
פון דער מוטער בלוט צו דער מוטער ערד,
אומאויסגעוויינט, אומאויסגעהערט.

ביי אונזערע אָרימע מאַלצייטען רעדען מיר איבער אייך,
אין אונזערע שלאָפלאָזע נעכט קלערען מיר ווי איהר זענט אַלע רייך,
און אייערע ווייבער טראָגען גאָלדענע רינגען,
און אונזערע ווייבער גיט איהר אייערע בענקאַרטעס אויסצוטראָגען,
שענדער!
אייערע ליגנערישע געווענדער
רייסט אייך אַראָפּ אונזער ברעכענדיגער בליק,
וואָס הענגט זיך אָן אָן זיי נאָך אין דער שעה פון אונזער טויט.

מיר גערעכטע,
זענען די איינגעפאַלענע פערד,
און איהר, איהר האָט אין אונזערע באָקעס אַריינגעשפאַרט די
[שפּאָרען,
איהר דיקטאַטאָרען:
מאָנאַרכיסטען, סאָציאַליסטען, דעמאָקראַטען.

מפלה

★

דו הער נור, דו דאַרפסט אפשר האָבען אַ זון ?
נעם דיר דאָך מיינע, קאָסט ביליג, קאָסט ביליג !
דו הער נור, דאַרפסט אפשר הימעל, דו פעטער ?
איין קרייצער צעהן גאַנצע קוואַדראַט־קילאָמעטער !
וואָס טויג מיר א וועלט אָהן פרייהייט ?
און מיינע סאָלדאַטסקע יום־טוב־הויזען
קאָן איך דיר אויכעט געבען.

דו הער נור, דו דאַרפסט אפשר האָבען געזאַנגען ?
געזאַנג פון די וואַלד־פייגעל, גרינס פון די ביימער,
קוואַל־קלאָרע וואַסערס מיט הימעל דאַרין ?
איין קרייצער צעהן טויזענד אייטער !
וואָס טויג מיר א וועלט אָהן פרייהייט !

ווייל איך בין געוועזען אין יענער לעגיאָן,
וואָס איז פאַר דער פרייהייט אין שטורעם געגאַנגען,
און אונזער לעגיאָן איז פאַנאַנדערגעגאַנגען,
אין איינגעגאַנגען.
אַ טייל פון אונז איז אין דער מדבר געבליבען
מיט הערצער אַנטפלעקטע אין קאַמף,
אונטער שאָרען שוואַרצע ראָבען,
און אַנדערע האָבען פון אונז זיך פאַרקליבען,
און האָבען די הערצער זייערע פאַרדעקט,
און האָבען זיי אונטער גאָלד באַגראָבען.

דו הער נור, דו דאַרפסט אפשר האָבען, א זון ?
נעם דיר דאָך מיינע, קאָסט ביליג, קאָסט ביליג !

מפלה

דאַרפֿסט אפשר הימעל אויך, פֿעטער דו, פֿעטער?
אַ קרייצער צעהן גאַנצע קוואַדראַט־קילאָמעטער!
וואָס טויג מיר א וועלט אָהן פֿרייהייט!
און מיין סאָלדאַטסקע יום־טוב־היטעל
און מיין פּאַן־סטאַרשי־טיטעל
קאָן איך דיר געבען צעטעל־געלד.

דער מאַן פֿון פֿאָלק

★

צוויי מידע, פּראָסטע, האַלב־בייזע אויגען,
פֿון אַ שווער־פֿאַרהאָרעוועטען אַרבעטער,
אויף אַ סאָציאַליסטישער פֿאַרזאַמלונג, מיטוואָך ביי דער נאַכט אין
[שענק,
חענגען אָן דעם מויל פֿון חבר־רעדנער.
און ווי אַ האַמער הויבט זיך אויף דער בליק,
פֿאַלט ער אויף מיין האַרץ,
גליהט עס.

אייביגע טרערען פֿון דעם אייביג אלטען וייב פֿון אַרבעטער,
טריפֿען ווי א קאַלטער רעגען ארום די דאַרע צווייגען פֿון זיין לייב.
דאָס בייגאכטיגע געשריי פֿון זיינע קינדער
האָט אויסגעפֿרעסען גריבער אין זיין פּנים.
און אין זיין אויג, אין איינגעשפּאַרטען,
איז נישטאָ קיין גליק און נישט קיין צער,
נור וואַרטען.

און פֿאַר אָט דעם וואַרטענדיגען בליק,
האָט דער גוטער דייטשער בירגער קאַרל מאַרקס מיט בלוט געשריבען
דאָס קאָמוניסטישע מאַניפֿעסט,
און ס׳איז געגאַנגען רוסלאַנד׳ס יוגענד געקאָוועט אין אייזען
טויזענדער מיילען דורך ווייסע סיבירישע פֿרעסט,
און געזונטע יונגען זענען אַנטלאָפֿען פֿון דער מויער,
און געגאַנגען זינגענדיג צום תליון און זיין טויט.

אָבער אויך די מלכים

דער מאַן פֿון פֿאָלק

האָט עס געוואָרפֿען אין א ווילדען פֿיבער
פֿאַר דעם וואַרטענדיגען בליק פֿון ארבעטער־אויגען,
האָבען זיי צוגעצויגען
זייערע בעסטיעס ווייבער,
און קריכער־מיניסטאָרען, עצה צו האַלטען אין גאָלדענע שטיבער;
האָבען די מיניסטאָרען און די ווייבער געזאָגט:
שיסען דאַרף מען אָהן רחמנות מיט שרויט און קוילען, גלייך, אַריין
אין דעם אויפֿגעריסענעם בליק פֿונ׳ם מאַן פֿון פֿאָלק,
און דער בער דער גענעראַל האָט ביי די טירען סאַלוטירט,
און דער ווילדגעוואָרענער סאָלדאַט, דער ברודער,
האָט געגעסען קייזערם ברויט פֿון שוואַרצען מעהל
און געשאָסען לויט באַפֿעהל.

איז געפֿאַלען דער מאַן פֿון דעם פֿאָלק
מיט צוויי צערשאָסענע אויגען
און געשטאָרבען אין א קאַלוזשע פֿון בלוט.

אָבער דעם צווייטען מיטוואָך ביינאַכט
איז געשטאַנען זיין ברודער דער אַרבעטער
מיט צוויי מידע, האַלב־בייזע פּראָסטינע אויגען,
און נאָגענדיג אָן דעם געוויסען פֿון דער וועלט, געמאָהנט זיין רעכט
פֿון פּראָסטען חשבון: צוויי־מאָל־צוויי איז פֿיר,
איך האָב געהאָרעוועט קעהרט עס צו מיר,
און מיינע קינדער זאָלען לאַכען.

און פֿאַר אָט די פּראָסטע זאַכען
הענגט דער תליון און שיסט דער סאָלדאַט,
און דער גלח־רבי לעזט די תורה און איז אַ פּאַן־בראַט
מיט דעם כביכול־קייזער.

דער מאַן פֿון פֿאָלק

אָבער לענין זיצט אין מאָסקווע און שלאָפֿט נישט אין די נעכט,
גלויב אָן דיין רעכט
מאַן פֿון דעם פֿאָלק.

★

באלאנגען באלאנג איך צו דעם עם־הארץ,
שרייבען קען איך נישט קיין לאָקשען־קוידעש,
רעדען רעד איך מיט דעם פראָסטען לשון
פון די עם־הארצים.

מיין פאָטער איז זיך סתם א יוד, אַ גראָבער יונג,
אַ בטלן פון בטלנים־לאנד,
אַ וואַלד־סוחר, אָבער גאָר אַ שלעכטער סוחר,
אַ גליק, וואָס כאָטש איך בין אַ דיכטער,
האָב איך מיט די קבצנישע מסחרים זיינע
נישט געמאַכט איין־האַנד.

און איך אַליין בין יאָהרען־לאַנג שוין ערגעצוואו פאַרוואָרפען,
צעהן שעה׳ן אין אַ טאָג אין דער פרנסה׳ס יאָך געשפאַנט;
צוויי שעה׳ן אין דער נאַכט בין איך א דיכטער,
און האָב דיר אַזאַ כח אין די גראָבע הענד,
צו טאַנצען אויף די דינסטע סטרונעס מיט די דינסטע טענער,
און צו טרעטען אויף די גרעבסטע סטרונעס מיט די גרעבסטע
[קולות —
אָט אַזוי ווי אַלע דיכטער;
כאָטש שרייבען שרייב איך נישט קיין לאָקשען־קוידעש,
ווייל די פיינקייט האָב איך פיינט בתכלית שנאה מן השנאה.

מעגסט חכם־העבראַיסט ביי אָט די ווערטער
פאַרציהען מיט אַ זויערער מינע!

יודיש!

אונ זיין בין איך ביים טיש פֿונ מיינע גוטע ברידער,
אַ גאַנצער יחסן אונ אַ גאַנצער פּריץ;
איך בין דער דיכטער פֿונ דעם עם־הארץ.

פּאָהנענליד

★

ווען עס פֿלאַטערן רויטע פֿאָהנען,
פֿלאַטערט אין מיין האַרץ דאָס בלוט,
מיט דעם שטאָלצען שריט
פֿון די באָרוועסע, רויטע באַטאַליאָנען
געהט מיין בלוט.

פֿאָלק מיט אונז,
און היט דיך גאָט
אויף די אייזערנע שינעס פֿון אונזערע וועגען
צו קומען מיט דיינע פּראָצעסיעס אקעגען,
מיט דיינע שוחטים און דיינע רבנים,
מיט דיינע געלד־זעק, די פֿאָלקס־קברנים,
מיט דיינע קרובים־מחותנים
קסריים,
מיט זייער שמייכלענדיג נאַראָנים־פּנים;
און מיט דיין גאַנצען קלאַפּער־געצייג
פֿון גאָלדענע צלמים און פֿאַרמעטענע ספרים.

קיין חכמות פֿאַרשטעהט מען נישט, שטורעם איז שטורעם,
דאָ איז דאָס לעבען, האָסט עס די קברים!
אַי, — הייליגער פֿאַרמעט פֿון הייליגע ספרים —
מיר וועלען איהם רייסען אויף שטיקער וואָס פֿלאַטערן,
אדרבא, אדרבא, מיר וועלען איהם גאָר נישט פטר'ן,
מיר וועלען איהם פֿאַרבען אין פֿייער
פֿון אונזער מאָרגענרויט,
מיר וועלען איהם שפּאַנען אויף שטאַנגען פֿון צלמים,

פֿאָהנענליד

מיר וועלען איהם געבען צו טראָגען איינעם פֿון אונז, אַ נאַש־בראַט,
[אַן איש־תמים,
דער פֿאַרמעט מוז פֿלאַטערן, ער מוז פֿלאַטערן;
ווייל מיר דאַרפֿען פֿאָהנען, רויטע פֿאָהנען.

פֿאָהנען זענען ווילדער מאַגנעט,
אין די בורנע, די שוואַרצע כמאַרעם פֿון פֿאָלק,
פֿאָהנען ציהען דעם שטורעם אָן! —
דונער מוז זיין, און בליץ מוז זיין, איידער דער שלאַגס־רעגען וועט
האַקענדיג קיהל־מאַכען, שוואַרץ־מאַכען
אונזער ערד,
וואָס וועט צושפּרינגען, שוואַרץ ווי זי איז,
און וועט געבוירען צו אונזערע פֿיס,
מיר פֿאָלק,
דאָס גרינע קאָרן פֿון דער נייער וועלט.

ווען עס פֿלאַטערן רויטע פֿאָהנען,
פֿלאַטערט אין מיין האַרץ דאָס בלוט;
מיט דעם שטאָלצען שריט
פֿון די באָרוועסע און רויטע באַטאַליאָנען
געהט מיין בלוט.

די תפלה פון אַ רעוואָלוציאָנער

★

און איינמאָל קומט אין לעבען פון דעם גייסטיגען מענש,
אַ רגע, וואָס איז זאַט ווי בוימער, וועלכע שטאַרבען אינ׳ם האַרבסט,
און אויסגעלייזט פון אַלע קוואַלען פונ׳ם טאָג,
און גרייט צום שטאַרבען,
ווי די אָווענט־וואָלקען, וועלכע גליהען אין די רויטע פאַרבען.

און איינמאָל קומט דער טאָג פון איבערבראָך,
ווען די ליבע צו דער וועלט איז גרייט,
ווי די יונגפרוי אין דער חופה־נאַכט
איז גרייט צו טראָגען אין איהר לייב די פרוכט
פון פרעמדען לעבען און פון אייגענעם טויט.

און איינמאָל קומט דער טאָג פון גייסטיגער זעט
און פון מקוים־געוואָרענער יוגענט,
און דאַן הויבט אויף דער גייסטיגער מענש
די הענד צו׳ן א געבעט:

„וועלט, פאַרלאַנג פון מיר אַ קרבן!
בוים בין איך, קום ברודער אַרבען,
עס איז האַרבסט!
בלוטגעפולטער בעכער בין איך, —
וועלט — קום דיין צאָרען אָן מיין האַלז דערפולען,
שטורעם די רציחה אויס אָן ברייטען און אָן אָפענעם האַרץ,
ווייל ס׳איז געקומען שוין דער טאָג פון גייסטיגער זעט,
איבער מיר, ווי איבער ישו — אַ ווילדער טאָג,

די תפלה פון אַ רעוואָלוציאָנער

ווי יענער שוואַרצער פרייטאָג אין דער רוימער־אָקופּירטער שטאָט ירושלים,
ווען דער דונער איז געגאַנגען פון עק וועלט ביז עק
פון דעם שוואַרצען וועלט־געוויסען —
און ווען דער פרוכת האָט זיך מיט־אַמאָל אויף העלפטען צוויי צעריסען — —
קום איבער מיר, דו לאַנג־געוואַרטער און געבענקטער טאָג!

ווּעגעטאַריש
עוואַנגעליום

פּראָלאָג

★

פֿון דער אומענדליכער ליבע צו פֿרייהייט,
קום איך באַפֿרייען דיך, קרעאַטור!
דיינע אויסגעשטרעקטע, אויסגעשאָכטענע העלזער וואָס הענגען פֿון
[אַ וואָגען,
ווען זיינע רעדער שלאָגן אָן,
טאַנצענדיג אויף שטעטישע שטיינער, און בלוט הענגט פֿון די
[ווייסע לאַנגע לעמער־האָר.

פֿון דער אומענדליכער ליבע צו פֿרייהייט,
קום איך באַפֿרייען דיך, קרעאַטור!
לעב אוים דעם צער פֿון דיין לעבען, לעב אוים דיין נויט,
און אַז קומען וועט דער טויט צו דיר, זאָל ער זיין דיין אייגענער
[טויט,
וואָס געהט ער מיך אָן!

נור שטרעק מיר נישט אַנטקעגען דיין ווילענלאָזען האַלז,
און שטרעק מיר נישט אַנטקעגען דעם ברעכענדיגען בליק,
אַז איך זאָל איהם אויפשניידען מיט דעם שטאָלשניט פֿון מיין
[מענשליכער קולטור,
און איהם צערבייסען מיט די צייהן פֿון פּאַר צעהנטויזענד יאָהר;
ווער פֿריינד, וואָס ביזט די שוועסטער פֿון מיין נויט!

פֿון דער אומענדליכער ליבע צו פֿרייהייט,
קום איך באַפֿרייען דיך, קרעאַטור!

פֿערד

*

זיי זענען געגאַנגען אַכצען יאָר,
און האָבן געצויגען שווערע לאַסט,
און זענען געווען אַן אָרים פּאָר,
פֿאַרגעסענע, איינזאַמע פֿערד.

און זענען געשטאַנען אַכצען יאָר,
אין שטויביגען שטאַל מיט דער שטיינערנער בריק,
און שטויב איז געפֿאַלען אויף זייערע האָר,
וואָס האָבן פֿאַרלוירען די גלאַנציגע פֿאַרב.

און האָבן געליטען אַכצען יאָר,
פֿון בייטשען, וואָס קאָרטשען צוזאַמען די הויט,
און האָבן זיך עהרליך פֿאַרדינט דאָס שטרוי,
פֿון נאַכטמאָל און פֿון מיטאָגברויט.

און זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט,
רעגענצערנעצט און קעלטצערנאָגט;
האָט צוגעטוליעט דעם טרויריגען קאָפּ,
דאָס עלטערע פֿערד, און הוסט־געזאָגט:

מיד בין איך ברודער, זעה, שווייגענדיג אָט,
געה איך מיט דיר שוין יאָר אַכצען אַצינד,
די קניהען ציטערען, צייט איז צו רוהן —
די הויט ווערד פֿאַרשלאַפּט, די אויגען בלינד.

פֿ ע ר ד

אוּן זענען געשטאַנען איינמאָל ביינאַכט;
צוויי איינזאַמע פֿערד אויף דער ווייטער ערד. —
אוי ס'האָט זייער האַר זיך געדונגען אין שענק
מיט אַ פֿערשטאָט־קצב פֿון פֿערד.

און האָט גענעבען תקיעת־הכף,
און אָבגעשאַצט די גענויע ווערט,
פֿון איינזאַמע טרויריגע פֿערד,
אויף דער ווייטער ערד.

און האָט זיך באַדונגען צומאָרגענס נאָך,
איין לעצטען גאַנג מיט די פֿערד צום וואַלד,
דאָס לעצטע פֿיהרעל צו פֿיהרען מיט זיי,
און זיי צו געזעגענען קאַלט.

זיי זענען געגאַנגען ווי אַכצעהן יאָר,
און איבער זיי האָט די בייטש געקנאַלט,
און האָבען געפֿיהרט פֿאַר די ווינטער־טעג,
אַ שווערען וואָגען האָלץ פֿון דעם וואַלד.

און אַז זיי זענען געקומען פֿון וואַלד —,
היינט איז נישט געווען מעהר קיין מיטאָגברויט — —
און טרויריג האָבען זיי ווייטער געפֿיהרט,
צום שלאַכטהויז די מידע, די אייגענע הויט.

און אַז זיי האָבען דערשפּירט דאָס בלוט,
האָבען געציטערט צוויי ברידער פֿערד,
און האָבען געטוליעט די לאַנגע קעפּ,
און האָבען צום בלוט זיך איינגעהערט.

פֿ ע ר ד

און אַז מען האָט פֿון זיי אויסגעטון
דעם האַלז־יאָך פֿון מיהפֿולע אַכצען יאָר,
האָט מען געזעהן די שוואַרצע הויט
מיט אויסגעקראָכענע האָר.

און אַז זיי האָבן געוואַלגערט אין בלוט זיך
באַלד אויף דער שטיינערנער שלאַכטהויז־בריק,
האָט ווילד געקלונגען דער אייזערנער שלאַג,
פֿון פּאָדקאָוועס אויף דער שטיינערנער בריק.

און האָט דערמאַנט זייער שריט פֿון אַמאָל,
אויף שטיינערנע גאַסען דורך אַכצען יאָר,
וואָס ס'איז געגאַנגען אָטמענדיג שווער
איבער דער ווייטער, איינזאַמער ערד,
אַ פּאָר אָרימע פֿערד.

פליישפרעסער

✱

מיין שטוב איז פול רוה, מיין פענסטער איז בלאָה,
און לאַכט יעדן מאָרגען אין דער מאָרגען־שעה,
מיט זוניגער שיין.
און קוקט יעדן מאָרגען אין דאָרף־הויף אַריין,
און רופט מיך מיט טיפבלאָעם אָטעם־וואָרט,
און כ׳געה דאַן מיט שוידערנדיגען אַנטציקען,
די האָפערדיגע בליקען באַגליקען,
און ווייט אין דעם הויף,
הילכט אין דעם מאָרגען אריין דאָס עוף.
און כ׳זעה האַלבגאַקעט פאַרשלאָפענע שיקסעס,
און אויסגעצויגענע ווייסע פוכעדיגע העלזער פון עופות,
נאַס פון פאַרצווייפלונג פון אַנגסט און פון וואַסער,
און דורכגעווייקטע שיסלען פון קאָרען,
דערשטיקטע אַנגסט־קולות וואַרפט אַרויס דאָס שנאָבעל־האָרען,
מיט אויסגעשפיגענע קערנער אַרום:
פריהפוטערונג.
און די בעל־בתים שלאָפען נאָך אין פעדערן־בעט,
ווייסע גענז ווערען פעט.
אַזוי איז דער מאָרגען וואָס שטראַלט אין דעם הויף,
וואו מיינע פענסטער בליקען אַריין,
ווען די לופט איז בלאָה
און דער הימעל: שיין.
יעדען פריהמאָרגען אין דער מאָרגען־שעה.

און אָפטמאָל מיטאָגס (דאַן בין איך נישטאָ,
איך זעה נור אָבענדס פאַרשיט דאָס בלוט.)

פליישפרעסער

קומט אָן דער שוחט, און זיין געוואַנד,
(דאָס וויים איך נאָך פֿון מיין קינדערלאַנד)
גלאַנצט שוואַרץ־רויט פֿון בלוט,
און זיין אָטעם, וויים איך, איז שנאַפּס און טאַבאַק,
און זיין וועג צום שעכטען גערט אין זיגזאַק,
אַ שעכט, אַ וואַרף, אַ שעכט, אַ וואַרף.
און דער שטאָלצער האָן שרייט אין שאַרפֿען טאָן,
חי—קרי—קאָ — זיין האַלץ ווערד פֿאַר מאַכטלאָזען שרייען אַזש בלאָ;
דער שטאָלצער האָן, דאָס אָרימע עוף,
קעמפֿט מוטיג פֿאַר זיין האַרעם־הויף,
אָבער דעם שוחטס מעסער איז שאַרף,
דאָס בלוט איז רויט,
און רויטער איז די הייליגע שטים:
— ברוך אתה אלהים! —

אין אָבענד קום איך, ס׳איז שוואַנגער מיין גייסט,
גאַנצטאָגיגע אַרבייט איז ברכה, איז טרייסט,
און דער הימעל איבער מיין הויף איז ווייט,
און איז מיט שטערען איבערגעזייהט,
און וויימער ריח פֿון יונגען היי,
און לידער קלינגען פֿון דער ווייט,
און אַקעגנאיבער אין פֿענסטער איז ליכט,
און דאָס זעכציגיעהריגע פּאָר זיצט ברייט,
און רעכט די דריטע סעודה היינט אָפּ
און עסט זיך היינט צו לעצטער זעט,
מיט גענזענע לעבערס און גענזענעם פֿעט.

נויט־שחיטה

★

אויף דאָרפֿישע וועגן געהט זומער פֿאַראָווענד,
דער אָרימער וואַנדערער וויים פֿון דעם שטויב,
אויף דאָרפֿישע וועגן ציטערט די גלאָקענס דערהויבענער לויב;
— אַווע מאַריאַ
פֿון באַנגע, פֿון וויטע, פֿון הילצערנע קירכען,
וואָס שמעקען אַזוי ווי די מילך מיט דעם ברויט,
אַזוי ווי דאָס היי פֿאַר דער טיר;
וואַנדערער, מאָלצייט און רוהאָרט פֿאַר דיר!

און זשלויב־לייטערס זענען אין דאָרפֿישע שטאַלען,
זומער פֿאַראָווענד געפֿולטע מיט גראָז,
און וואַרטען אויף קוהישע מיילער.
און פֿייפֿאַלעך פֿייפֿען, ביימשען קנאַלען,
איבער די רוהיגע געהאָרענטע קעפּ. — —
און איינע, די שוואַרצע, זעקסיעהריגע מוטער,
גוויאַזדולאַ — די טאָכטער פֿון גרינענדיגע לאָנקעס,
האָט לינקס אין דעם סאָדוועג פֿאַרבויגען,
וואו דאָס ווייסע הויז שטעהט, די הילצערנע שטאַל,
און וואו עס ווייגט אַזוי באַנג אַציגד
גוויאַזדולאַס פֿירוואָבענדיג קינד.

און אין סאָדוועג האָט זיך פֿאַרבלאָנקעט אַ שטיין,
וואָס האָט זיך געשטעלט אין דעם וועג צו דעם גליק,
און אַ לינקער פֿוס, איין סאַמעטען שטיק,
האָט איבערגעקוואַלט באַלד פֿון שוואַרצרויטען בלוט.
גוויאַזדולאַ, דיין גליק איז צערזעגט אין דער מיט,
צערזעגט אין דער מיט, ווי דער האַלז דיינער באַלד.

גוים־שחיטה

צוויי פויערים מיט שטריק און איינער מיט אַ ברעט, — —
איך האָב עס געזעהן און געהערט דאָס געבעט,
און געהערט דאָס געוויין פון דער מוטער גוויאַזדולאַ,
און געזעהען דאָס בלוט, וואָס האָט זיך פאַמישט
מיט דער מילך פון דער ווייסער פירקוואַליגער ברוסט,
און אַ ווייסער קנאָכען פון סאַמעטענעם פוס.
סע האָט דיך געהייליגט גוויאַזדולאַ דיין וואונד,
געוואַלטיגער נפש, הייליגער בונד
פון אַלע בלוטפולע נפשות!

און דער דאָרפשלעגער סטאַך שטינקט תמיד פון בלוט,
און שכור איז ער און באַוועגט זיך שווער.
און שוואַרץ זענען דאָרפישע זומערנעכט,
די הייסע, די אויסגעשטערנטע נעכט.
די האַק איז פאַרזשאַווערט און פאַרקלעבט די שער,
און דו האָסט גוויאַזדולאַ אַ סאַמעטענע הויט,
און וואָס ביזטו שולדיג געוואַלטיגער נפש,
וואָס מען שלעפט דיך אַזוי צום פריהצייטיגען טויט,
צום דאָרפשלעגער סטאַך. —

קוה־קינדער

★

און דאָ וואו איך וואוין, אויף דעם דאָרפישען הויף,
האָט מען איינמיטען דער נאַכט געבראַכט,
פיר קעלבער, גע׳מקריב׳טע צום פאַרקויף
אויף כשר־פלייש;
חיה׳שע קינדערלעך פיר.

איינס דרייוואָכען־אַלט, פירוועכענטליך צוויי,
און דאָס יונגסטע איז זיבען טעג אַלט.
און דאָס יונגסטע וויינט, און דאָס קול פון געוויין,
שרייט: שלאָף גישט בשעת מיין קינדער־פיין!
אָ, באַזונדערס ביינאַכט.
מאַ—מאַ—מע!
(מיין ווייב איז שוואַנגער, און ס׳איז דאַפאַר
דאָס האַרץ מיט שטילען טרערען־צער
אַרומגענומען
ביים געדאַנק אָן קינדערלעך.)

און פאַרטאָג איז די ראָסע נאָך פראָסטיג־קיהל,
פאַרהאַרבסטיגע צייט.
איינס האָט זיך געוואָרפען אַרום שטריק און סלופ,
פאַרבלוטיגט די קינדערישע ליפ.
און דאָס צווייטע האָט צוגעשפאַרט קניהענדיג זיך צו דער ערד,
האָט דער שטריק געצויגען ביים האַלז,
און ס׳האָט אַרויסגעבליקט עפעס אַליין,
און האָט זיך צון עפעס איינגעהערט,
און דאָס דריטע האָט שטיל געציטערט,

ק ו ה־ק י נ ד ע ר

און האָט זיך געטוליעט צום סלופּ פֿאַר קעלט;
דאָס דריטע איז קראַנק (און דער מאָרגן איז קיהל)
און הוסט אַזוי שטאַרק
מיט עפּעס אַ מענשליכען קול.
(זיי וועלען עס שלעפּען היינט מאָרגענס צום מאַרק,
און אין מיר איז אַזאַ שטילער צער.)
און דאָס פֿערטע, דאָס זיבענטאָגיגע קינד,
האָט אַלץ געוויינט, געוויינט,
דורך דער גאַנצער נאַכט, ביז אין מאָרגען אַריין,
ביז מ'האָט עס געפּאָיעט פֿון קאַלטען קוואַל,
ווען ס'האָט זיך דערמאַנט אן דער ליבע אין שטאַל,
אָן דער ליבע פֿול וואַרימער, ווייסער מילך,
זיבען טאָג פֿון געבוירען, איין שעה פֿאַר'ן טויט,
אין בלוטאיבערגאָסענעם הויז.

דער תוכן פון

די נאקעטע לידער

	זייט
הקדמה	8

I

געזאַנג פֿון געזאַנגען

געזאַנג פֿון דער דערפֿולונג	17
מאַמע ערד	19

II

די נויט

די נויט	25
וואַלד און מענער	26
גאָט פֿון די אָרימע	27
אַקעגנעאיבער פֿון מיין פֿענסטער	28
דער דרייסיגיעהריגער	30
די דרייסיגיעהריגע	31
איך האָב געזעהן אַ פֿרוי	32
שטאָט־גייסט	34
שטאָט־נויט	35
שטאָט־שרעק	36
טרוקעניש	37
שוואַנגערע פֿרויען	38
די פֿאַרשטויסענע צו די אָרימע	39
היימלאָזע	40
פֿויל־לעבען	41

III

שטאַרבען

נאַכט אָהן רוה 45
פֿון געבראָכענעם בליק 46
אַנדרוגינוס טויט 47
טויטע קינדער 48
די משפּחה ראַוויטש 50
שויז פראַוועט דער לעצטער וואָרעם זיין סעודה 52

IV

פּרויען-נשמה

סענטימענטען 57
טרערען 58
געפּיהל פון איינזאַמקייט 59
דער מאַן 60
אָסיען 61
שטנ׳ס נצחון 62
און נאָר געלעכטער 63
שפּיטאָל-נאַכט 64
די פאַקעל ווילען 65
טויטשריי אינמיטען נאַס 66
דער נשמה׳ס חשבון 67

V

ליבע פון יחידים

טעג פון יונגער ליבע	71
דאָס ליבעס־ליד	72
אַ שטיל רויזענליד	74
די ליבע	76
צייטיגע ליבע	77
צייטיגע ליבע	78
אַ יונגע שוואַנגערע פרוי	79
פאַרגענגליך איז	80
דאָס לעצטע ליבעס ליד	81
קינד	82
מוטער	84
מוטער	85

VI

נאַקעטע דיכטער־נשמה

וואָס איז דער דיכטער	89
די פרייד	93
דער עגאָצענטריקער	95
דער שטן און איך	96
געוויסען	97
חלף	99
איינזאַמקייט	101
גריבלער׳ס נשמה	102
שטן צופעליגקייט	103
דעם סטאָאיקערס ליד	105
וואַסער־טרינק־ליד	106
אומענדליכקייט	107
איבער שטאָלץ	109
הימנוס צו דער רוסישער שפּראַך	112
הימנוס צו דער פראַנצויזישער שפּראַך	114
דאָס איינזאַמע ליד פון מיין לעבען	116
מאַניפעסט צו די גראַפאָמאַנען	118
די וואס לעזען נישט קיין לידער	120
הימנע	122

VII

דעם לעסטערערס לידער

דעם לעסטערערס ליד נעגען דעם גאָט	127
טאָלסטאָישע אידיליע	129
עולם־הבא	130
עולם־הזה	131
יהוה	132
דרייטויזענד יאָהר	133

VIII

אין שטורם

פרייהייטגעדאַנק	137
פרייהייטגעניום	138
דאָס ליד פון דער יוגענט	140
לעצטע נאַכט אין די קאַזאַרמעס	141
ליבקנעכט	142
גאַווריליאָ פרינציפ	143
די אידעאַליסטע	146
פאָלקס־פירער	148
פאָלק	151
מפלה	154
דער מאַן פון פאָלק	156
יודיש !	159
פאָהנענליד	161
די תפלה פון אַ רעוואָלוציאָנער	163

IX

וועגעטאַריש עוואַנגעליום

פּראָלאָג 167

פּערד 168

פליישפרעסער 171

נויט־שחיטה 173

קוה־קינדער 175

פון דעם אייגענעם מחבר:

★

אויף דער שוועל...

יוגענד־פּאָעזיע, לעמבערג 1912

★

17 געדיכטען

אין דעם זאַמעלבוך „אינטער אַרמאַ“ ווין 1918

★

רויזענגראָז

געדיכטען ווין 1917

★

שפּינאָזאַ

פּאָעטישער פּרוב, ערשטע אויסגאַבע ווין 1918

צווייטע פאַרענדערטע אויסגאַבע ווין 1921

★

צוגעגרייט ווערען:

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטען און באַלאַדען

★

געקליבענע לידער

4—5 בויגען

★

גאַליציע

אַן אַנטאָלאָגיע פון גאַליציש־יודישער דיכטונג.

★

פאַרלאַג

„דער קוואַל"

און

קאָאָפעראַטיווע

אָפטיילונג

„קריטיק"

ווין

VERLAG »DER KWALL«

WIEN II. TABORSTR. 7/12

יצחק לייב פרץ: פֿראַגמענטען מיט א הקדמה פֿון משה זילבורג.

מענדעלע מוכר ספרים: פֿראַגמענ־טען מיט א הקדמה פון משה גראָס.

יעקב דינעזאָהן: יאָסעלע מיט א הקדמה פֿון בן יעקב.

שלום עליכם: פֿראַגמענטען מיט א הקדמה פֿון מ. זינגער.

שמעון שמואל פרוג: געקליבענע לידער מיט א הקדמה פֿון מלך ראוויטש.

אלע די ביכער זענען רייך באצירט פֿון אוריאל בירנבוים.

י. י. לינעצקי: דאס פוילישע יונגעל מיט א הקדמה פון משה זילבורג.

אוריאל בירנבוים־אלבום: צייכ־נונגען צו: שלום עליכם, י. ל. פרץ, מענדעלע מוכר ספרים, ש. ש. פרוג, יעקב דינעזאָהן.

עס ווערט צוגעגרייט א שורה ווייטער־דיקע ביכער.

קאָאָפעראטיווע אָפטיילונג „קריטיק"ביים פֿאַרלאַג „דער קוואַל":

./.

„קריטיק" ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿט רעדאַגירט פֿון משה זילבורג. ערשיינט כסדר זינט פֿעבער 1920. מיטאַרבייטן פֿון די בעסטע יונגע יודישע ליטעראַרישע כוחות פֿון דער און פֿון יענער זייט ים.

יוסף לעווי: פֿרומע געזאַנגען, געדיכטען.

בער האָראָוויץ: פֿון מיין היים אין די בערג, געדיכטען.

דוד קעניגסבערג: הונדערט סאָנעטען.

טויט-ציקלוס: זאַמלונג, פּראַכט-אויסגאַבע (אויספאַרקויפֿט).

משה זילבורג: וואָס איך האָב אייך צו זאָגען. ביי בעארבייט סעפּאַראַט דרוק פֿון דער צייטשריפֿט „קריטיק".

מלך ראַוויטש: שפּינאָזאַ, א פּאָעמאַ, צווייטע פֿאַרענדערטע אויסגאַבע.

מלך כמיעלניצקי: אויף א שטילער סטעשקע, לידער.

עס ווערט צוגעגרייט א גרויסער ליטעראַרישער זאַמעלבוך, וואָס וועט האָבען א באַזונדערע גרויסע אָפּטיילונג פֿאַר דער יונגער אוקראַיניש-יודישער ליטעראַטור.